מַעֲשֶׂה

פון מהרש"א

הֶערוֹס גִינוּמֶען פוּן אוּסְטְרֶער פִּנְקֶס.

אונ פין רמב"ם זצ"ל.

אונ פין נודע ביהודא זצ"ל.

הובא לביה"ד ע"י ה' פאביל מאלדאווסקי

ווארשא

בדפוס ר' חיים קעלטער נ"י.

שנת תרל"ט לפ"ק

МАСЕ МАГАРШОЭ

т. е. сказка о раввинѣ

Самуила называемый Магаршоэ.

въ Типографіи и Литографіи Х. Кельтера

улица Тломацкая N. 9 въ Варшавѣ.

1879.

78

HARVARD UNIVERSITY

Дозволено Цензурою
Кіевъ 13 Февраля 1879 г.

מעשה פון מהרש"א

דאס איז איין מעשה נורא וואס האט זיך גיטראפין אין אוסטרא.

עס איז גיוועזן צוויי שותפים אין אוסטרא וואס זיי האבין תמיד גיהאנדילט אין איינעם אונ זיי זענין גיוועזן גוטע פריינד צו ווישען זיך. איין מאל האבין זיי דער הערט אז עס איז דא צו פר קויפין דייוואנד ביי איין דוכסה אין טיף רוסיע אונ מען קאן קויפין ביי איהר ווילואל. זענין זיי גיפארין אונ זענין גקומן דארט אהין. האט מען זיי צו דער דוכסה ניט ערלויבט אריין צו גיין. האבין איהרע מענטשין גשיקט איר אן זאגין אז עס איז גקומען צוויי סוחרים יודען אונ ווילען אפ האנדלין די גאנצע דייוואנד ביי איהר. האט די דוכסה צו זיי ארויס גשיקט איהר בדינער ער זאל מיט זיי מאכין איין מקח. האבין זייא אים דם געלד אפ גיגעבין אונ דער דינער האט אריין גיטראגין די דוכסה דם געלד. האט די דוכסה גפרעגט דעם בעדינער וואס פר איין פנים האבין די יודען ווארום זי האט קיין מאל ניט גיזעהן קיין יודען. זאגט ער איהר זיי זענין גלייך מיט אלע מענטשין. זאגט זי איך האב גיהערט זאגין אז זיי זענין נארער דם הייסט זיי נארין אפ. ענטפערט איהר דער בעדינער עס איז ליגין וואס דו האסט גיהערט עס גפינען זיך צווישען זיי ערליכע אונ קלוגע לייט ווי אין אלע פעלקער. זאגט די דוכסה איך וויל זיי זעהן. איז זי ארויס גגאנגען זיי צו זעהן. איז איינער פון זיי גיוועזן זייער אשיינער אונ ער האט גילייכט ווי דער מארגין שטערין. אונ ווי די דוכסה האט אים דער זעהן איז זי אן גיצונדען גיווארין פון זיין שיינקייט אונ עס האט איהר פר גלוסט זיין שיינקייט אין הארצין אונ זי האט נאך ניט גיקענט אראפ נעמין איהר אויג פון אים אונ זי האט אים צו גרופן אונ האט מיט אים גשמועסט. אונ ער האט גיקאנט זייער שיין רעדין רוסיש:

בקיצור די דוכסה איז אויס גיגאנגין זי האט זיך פר ליבט אין אים ז זי איז קראנק גיווארין. אונ די שותפים האבין אפ גיקויפט די

סחורה

סְחוֹרָה אִין זֵיי הָאבִּין גִידוּנגֵין פוּרִין אוֹיף צוּא לֵייגִין עֶס הָט אָבֶּער נִיט גֶעקְסַאיֶעט קֵיין פוּרִין פוּן דֶעם דָארְף אִיז אֵיין שׁוּתָּף גִיפָארִין אִין אַדָארְף דִינְגֶען פוּרִין אוּנ דֶער שׁוּתָּף דֶער שְׁיינֶער אִיז גֶעבְּלִיבִּין אוֹיף לֵייגִין דִי סְחוֹרָה אוֹיף דִי פוּרִין ווִי דִי דוּכְּסָה הָט דֶער הֶערְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען דָא הָט זִי נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט בַּיי נַאכְט אוּנ הָט אִים מְגַלֶה גִיוֶועזֶן וָוס זִיא פַר לַאנְגְט פוּן אִים אוּנ הָט אִים צוּרִיק גִיגֶעבִּין דָם גַאנְצֶע גֶעלְט וָוס זִיא הָט גִינוּמֶען פַר דֶר סְחוֹרָה אוֹיךְ הָט זִיא אִים גִיגֶעבִּין מַתָּנוֹת כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְר טוּעֶן וָוס זִי פַר לַאנְגְט פוּן אִים. עֶר אָבֶּער הָט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט שְׁטַארְקֶען קֶעגִין דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּנ דֶער צוּ הָט זִי אִים נָאךְ גִיגֶעבִּין פִיל גֶעלְט ווִי פִיל עֶר הָט נָאר גְוָואלְט. אוּנ גַאנְץ פְרֵיא אִיז עֶר זִיךְ גִיגַאנְגֶען אוֹיף לֵייגִין דִי סְחוֹרָה. אוּנ אִין דֶעם אִיז אָן גִיקוּמֶען זַיין שׁוּתָּף הָאבִּין זֵיי בַּיינַאנְדֶער אוֹיף גִילֵייגְט דִי סְחוֹרָה אוּנ זֵיי זֶענִין גִיפָארִין אַהֵיים:

אֵיין יוּד אָבֶּער הָט פָארְט אֵיין וֵוייךְ הַארְץ. עֶר הָט זִיךְ אָן גִיהוֹיבִּין צוּ בַּרֶעכֶענֶען וָוס עֶר הָט גִיטָאן הָט דָם אִים זֵייעֶר בַּאנְק גִיטָאן וָוס עֶר הָט גִיטָאן אַזוֹ אֵיין גְרוֹסֶע עֲבֵירָה. הָט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם הַארְץ אוּנ הָט זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּנ גִיקְרֶעכְצְט. הָט דֶר שׁוּתָּף אִים גִיפְרֶעגְט וָוס ווֵיינְסְט דוּ. הָט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אַלֶע מָאל אֵיין אַנְדֶערִין תֵּירוּץ. אָבֶּער דֶער שׁוּתָּף הָט פַר שְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נִיט אוּם זוּנְסְט הָט עֶר אִים אַזוֹ לַאנְג אִיבֶּער גִיפְרֶעגְט בִּיז עֶר הָט אִים מַפְצִיר גִיוֶועזֶן אוּנ עֶר הָט אִים גֶעמוּזְט זָאגִין וָוס דָם אִיז:

בְּקִיצוּר עֶר הָט אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָוס מִיט אִים הָט זִיךְ גִיטָאן אוּנ עֶר הָט אִים גִיווִיזָען דָם גֶעלְד וָוס עֶר הָט אוּנ הָט דֶער בַּיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גִיוֵויינְט. זַיין שׁוּתָּף אָבֶּער הָט אִים אַלְץ מְנַחֵם גִיוֶועזֶן אוּנ הָט אִים גִיזָאגְט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּעֶן אוּנ זָאל טֵיילִין צוּ אָרִימֶע לַייט צְדָקָה. עֶר אָבֶּער קָאוּם זִיךְ נִיט אַיין רֶעדִין אוּנ ווֵיינְט שְׁרֶעקְלִיךְ. ווִי דֶער שׁוּתָּף הָט דָם גִיזֶעהְן זָאגְט עֶר צוּ אִים אִיךְ וֶועל בַּיי דִיר אָפּ קוֹיפִין דִי עֲבֵירָה וָוס וֶועסְט דוּ מִיר גֶעבִּין דֶער פַר. עֶר אִיז זֵייעֶר גֶערִין גִיוֶועזֶן אוּנ זָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר נָאר דָם גַאנְצֶע גֶעלְד וָוס דִי דוּכְּסָה הָט מִיר גִיגֶעבִּין אוּנ הַאלְבּ סְחוֹרָה:

בְּקִיצוּר דֶער שׁוּתָּף הָט אָפּ גִיקוֹיפְט בַּיי אִים דִי עֲבֵירָה אוּנ זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט צְווִישֶׁען זִיךְ אֵיין קַבָּלַת קִנְיָן אוּנ אֵיין תְּקִיעַת כַּף. דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ רוּהִיג גִיוָוארִין וָוס הָט דִי עֲבֵירָה גִיטוּעֶן. נוּא זֵיי זֶענִין גִיקוּמֶען קֵיין אוֹסְטְרָא אוּנ דֶער וָוס הָט גִיקוֹיפְט דִי עֲבֵירָה הָט פַר קוֹיפְט דִי לַייוַואנְד אוּנ אִיז זִיךְ גִיוָוארִין אֵיין גַאנְץ

גרוסער

גְרוֹסֶער עוֹשֶׁר נָאר עֶר הָאט נִיט לַאנְג גִלֶעבְּט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אוּנ אִיז גִשְׁטָארְבִּין:

נוּא אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט הָט מֶען אָפּ גִּינוּמֶען דִין וְחֶשְׁבּוֹן פוּן אִים פַר זַיינֶע עֲבֵירוֹת. הָט מֶען אִים גִירֶעכִינְט צְווִישֶׁען זַיינֶע עֲבֵירוֹת אַז עֶר הָט בּוֹעֵל גִיוֶועזֶען אַיין נָכְרִית אוּנ עֶר הָט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ דָס קֵיין מָאל נִיט גִיטָאן. זָאגְט מֶען אִים דוּ הָאסְט דָאךְ גִיקוֹיפְט בַּיי דַיין שׁוּתָּף דִי עֲבֵירָה. הָט עֶר גִיזָאגְט וִוי אַזוֹ קָאן זַיין אִיךְ זָאל לַיידֶען יֶענֶעמְס עֲבֵירָה. מַיין שׁוּתָּף הָאט גִיטָאן אוּנ אִיךְ זָאל לַיידֶען. בִּקְיצוּר נָאךְ אַלֶע טַעֲנוֹת הָט מֶען אִים גִיגֶעבִּין רְשׁוּת עֶר זָאל הָאבִּין אַיין דִין תּוֹרָה מִיט דֶעם לֶעבְּדִיגֶען וָוס הָט אִים דִי עֲבֵירָה פַר קוֹיפְט. אַזוֹ אִיז עֶר גִיגַאנְגִין צוּ אִים צוּ חָלוֹם אוּנ הָט אִים גִירוּפֶען עֶר זָאל גֵיין צוּ אַיין דִין תּוֹרָה מִיט אִים. הָט דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר נִיט קֵיין דִין תּוֹרָה דוּ הָאסְט בַּיי מִיר אֵיין מָאל גִיקוֹיפְט אִיז פַר פַאלִין. אָבֶּער דֶער מֵת אִיז אַלֶע נַאכְט צוּ אִים גִיקוּמֶען בִּיז וַואנֶען עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין:

דֶענְמָאלְט אִיז גִיוֶועזֶען אִין אוֹסְטְרָא אַיין רַב דֶער מהרש"א ז"ל. הָט דֶער קְרַאנֶקֶער גִיבֶּעטִין מֶען זָאל אִים טְרָאגִין מִיט זַיין בֶּעט צוּם מהרש"א דֶען עֶר וִויל אִים עֶפִּיס זָאגִין פַר דֶעם טוֹיט. הָט מֶען אַזוֹ גִיטָאן וִוי עֶר הָט גִיבֶּעטִין אוּנ עֶר הָט דֶער צֵיילְט פַר דֶעם מהרש"א דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אוּנ הָט אִים גִיבֶּעטִין עֶר זָאל אִים אַיין עֵצָה גֶעבִּין מִיט וָוס עֶר זָאל זִיךְ קֶענִין מַצִּיל זַיין פוּן דֶעם טוֹיט. עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער רַב גֵיי אַהֵיים אוּנ אַז עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר נָאךְ אֵיין מָאל זָאלְסְט דוּ אִים זָאגִין אַז אַיין דִין תּוֹרָה אִיז נָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט מֶען קָאן דָא דִי דִין תּוֹרָה הָאבִּין. עַל כֵּן אוֹיבּ עֶר וִויל זָאל עֶר הָאבִּין אַיין דִין תּוֹרָה מִיט דִיר פַר מִיר אוּנ אַז עֶר וֶועט נִיט וֶועלִין זָאלְסְט דוּ אִים זָאגִין אַז אִיךְ וֶועל אִים מַחְרִים זַיין וֶועט עֶר אוֹיף הֶערִין צוּ דִיר צוּ קוּמֶען נוּא הָט עֶר אַזוֹ גִיטָאן אוּנ עֶר הָט דֶעם מֵת אַזוֹ גִיזָאגְט. הָט דֶער מֵת גִיזָאגְט לָאז זַיין אַזוֹ וִוי דוּ זָאגְסְט אִיךְ וֶועל מִיט דִיר אַיין דִין תּוֹרָה הָאבִּין דָא בַּיי דֶעם רַב. הָט דֶער קְרַאנְקֶער גִיבֶּעטִין דֶעם מֵת עֶר זָאל אִים וַוארְטִין אַיין חוֹדֶשׁ בִּיז עֶר וֶועט אִין גַאנְצִין גֶעזוּנְד וֶוערִין:

וִוי עֶס אִיז גִיקוּמֶען אִין אַיין חוֹדֶשׁ אַרוּם אִיז גִיגַאנְגִין דֶר מֶענְטְשׁ צוּ דֶעם מהרש"א אוּנ הָט אִים גִיזָאגְט אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי צֵייט וָוס עֶר דַארְף הָאבִּין דִי דִין תּוֹרָה. הָט דֶער מהרש"א גִישִׁיקְט צוּ נוֹיף רוּפִין דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וָוס זֶענִין דִי חֲשׁוּבִים פוּן דֶער שְׁטָאט אוּנ אוֹךְ דֶעם גַאנְצִין עוֹלָם אוּנ הָט גִיהֵייסִין דֶעם שַׁמָּשׁ מְיַיחֵד זַיין אַיין אָרְט פַר דֶעם מֵת אוּנ הָט אִים גִיהֵייסִין גֵיין אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם מוֹדִיעַ זַיין

דעם

דעם מת אז אצונד איז די צייט פון דער דין תורה. האט מען אלץ אזו גיטאן אונ זיי זענין זיך צו גויף גיקומען צו די דין תורה. האט דער מהרש"א גיהייסין דעם לעבעדיגען כסדר זיין זיינע טענות. האט ער אזו גיטענית אמת איך האב גיטאן איין עבירה אבער איך האב דער נאך גרויס חרטה גיהאט דארויף. אונ אז דו וואלסט נישט גיוועזן אפ גיקויפט ביי מיר די עבירה וואלט איך גיוועזן אזו לאנג תשובה גיטאן ביז מען וואלט מיר מוחל גיוועזן די עבירה. אבער אז די עבירה איז אויף מיר שוין גאר ניט חל גיוועזן דער דורך האב איך קיין תשובה ניט גיטאן אויף די עבירה. נוא פר וואס קומט מיר אצונד דעם עונש פון דער עבירה. האט דער מת אן גיהויבין צו טענין איך האב ניט גיוואוסט אז מען קען איין עבירה אפ קויפין אין דעם רעכטין אמת אונ איך האב גאר ניט גוואלט די עבירה אפ קויפין נאר ווייל איך האב דיר גיזעהן אין גרויס צער האב איך דאס גיטאן דיר כדי עס זאל דיר אביסעל גרינגער ווערין אויף דעם הארץ. נוא בין איך דיר גאר שולדיג געלט וועל איך הייסין מיינע יורשים זאלין דיר אפ געבין אונ לאז מיך צו רוהע:

בקיצור זיי האבין ביידע אוועק גלייגט פיל טענות ביז וואנען זייא ביידע זענין שטיל גוואָרין. דער נאך האט דער מהרש"א גיזאגט דער פסק איז אזו. מקח בלייבט מקח אונ נאר בלייבט נאר. ווארום ווען דו וואלסט ניט גיוועזן אפ קויפין ביי אים די עבירה וואלט ער שוין לאנג גיוועזן תשובה גיטאן אויף דער עבירה. נוא ווי דער רב האט דאס אויס גירעדט האבין אלע גיהערט איין שרעקליכען גיוויין פון דעם מת. אונ דער נאך האט דער מת גיזאגט ווייא איז מיר איך האב גימיינט ווייל דער שותף איז נאך איין לעבעדיגער קאן ער נאך תשובה טאן אונ פיל פר רעכטין אבער איך קאן שוין גאר נישט העלפין דרום האט מען גידארפט פסקענען אז ער זאל תשובה טאן דען איך האב גינוג אפ צו קומען פר מיינע אייגענע זינד. אונ אצונד לאזט מען מיך שוין ניט דא איין שטיין ווייל דער היילינגער רב האט אזו גפסקנת האט דער גאנצער עולם מיט אים מיט גיוויינט פר רחמנות אונ האבין גיבעטין דעם מהרש"א ער זאל אים עפיס איין טובה טאן. דער נאך האט אים דער מהרש"א גיענטפערט איך וועל שוין זעהן דיר איין טובה צו טאן וואס איך וועל נאר קענין. נאר דער פסק מוז אזו בלייבן על פי דין תורה. ווי ער האט דאס אויס גירעדט האט דער עולם גיזעהן אז עס איז גיוואָרין איין רויך אין שטוב אונ מען האט שוין גאר ניט גיהערט:

ענדע

מַעֲשֶׂה פוּן רמב"ם

אִין דֶער צַייט וָוס דֶער רמב"ם אִיז גִיוֶועזִין אִין דֶער שְׁטָאט אַלְגִיר וָוס זִי אִיז אִין דֶער מְדִינָה בַּרְבַּארְיֶע אִין דֶער לַאנְד אַפְרִיקָא. אִיז עֶר דָארְטִין גִירֶעכִינְט גִיוֶוען פַאר אַיין גְרוֹיסִין מַאן אַזוֹא וִויא מֶען הָט אִים גִיהַאלְטִין גְרוֹיס אוּנ חָשׁוּב אִין אַלֶע עֶרְטֶער. אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אִים גִילוֹיבְּט אוּנ גִיגְרֵייסְט. אוֹיךְ אִיז עֶר גִיוֶועזִין זֵייעֶר תַּקִּיף אִין דִיא אוֹיגִין פוּן דִיא הֶערִין אוּנ דִי שׁוֹפְטִים פוּן דֶער מְדִינָה וָוס זֵיי וֶוערִין גִירוּפִין דָארְטִין דִיוַואן וָוס זֵיי זִיצִין אִין דֶער הוֹיבְּט שְׁטָאט פוּן דֶער מְדִינָה וָוס מֶען רוּפְט זִי אוֹיךְ אַלְגִיר. אוּנ צְוִוישִׁין דִי הֶערִין אִיז גִיוֶועזִין אֵיין הֶער אַיין חָכָם נָאר אַיין שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ אוּנ מֶען הָט אִים גִירוּפִין פֶּערִי. וָוס עֶר הָט פַיינְט גִיהַאט דֶער רמב"ם פוּן לַאנְג אָן. ווָארוּם עֶר הָט מְקַנֵא גִיוֶוען אִים מִיט זַיין חָכְמָה.

הָט זִיךְ גִידַארְפְט מַאכִין אַז זַאנֶען גִיקוּמֶען דִי אִידִין פוּן דֶער הוֹיבְּט שְׁטָאט מִיט אַיין שַׁאֲלָה פַאר דֶעם רמב"ם. אוּנ דִי שַׁאֲלָה אִיז גִיוֶועזִין עֶס הָט זִיךְ אָן גִירִירְט אַיין מִצְרִי וָוס וואוֹנְט אִין אַלְגִיר אָן אַיין פַאס וַויין. הָט דֶער רמב"ם גִיפַּאסְקֶעט אַז דִי וַויין אִיז יֵין נֶסֶךְ אוּנ מֶען טָאר זִיא נִיט טְרִינְקֶען. אוּנ דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ אַיין שַׁאֲלָה פַארִין רמב"ם. אוּנ דִי שַׁאֲלָה אִיז גִיוֶועזִין עֶס אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אַיין שֶׁרֶץ אִין אַיין פַאס בּוֹימִיל הָט דֶער רמב"ם גִיפַּסְקֶעט אַז מֶען זָאל דֶעם שֶׁרֶץ אַרוֹיס וַוארְפִין אוּנ דִיא בּוֹימִיל אִיז כָּשֵׁר אוּנ מֶען מֶעג עֶסִין פוּן אִים. זַיינֶען גִיקוּמֶען דִי רְשָׁעֵי יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאבִּין גִימַאסֶערְט דִי בֵּיידֶע פְּסָקִים פַאר דֶעם שׁוֹפֵט פֶּערִי אִיז עֶר גִיוָוארִין זֵייעֶר אִין כַּעַס. אוּנ זַיין צָארִין הָאט אִין אִים גִיבְּרֶענְט. אוּנ עֶר הָט גִיזָאגְט אַז יוֹא אַזוֹ אִיז דָא: אִיךְ אוּנ מַיין פָאלְק עֶרְגֶער בַּייא אִים פַאר אַיין שֶׁרֶץ. אוּנ אִיצְטֶער אִיז צַיין צַייט נוֹקֵם זַיי זִיךְ פוּן אִים. אוּנ עֶר הָט גִיטְרַאכְט הַארְגֶענֶען אִים. אוּנ דָס אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין דֶער רמב"ם. אָדֶער סֶעז הָט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶועזִין מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן הִימֶל. אָדֶער זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד הָאבִּין אִים אָן גִיזָאגְט. הָט עֶר גִינוּמֶען גִיכֶער נָאר זַיינֶע אוֹצְרוֹת גָאלְד אוּנ דִימֶענְטִין אוּנ גֶעלְט אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען צוּא אַיין שִׁיפֶער. אוּנ הָט אִים גִיזָאגְט אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוּמְטִיג טָאמֶער וֶועסְטוּ

מיך

מיך פירין שפאצירין אין איין שיף ביי איין ברעג ים כדי צו בארוהיגן
מיין הארץ אונ איך וועל דיר באצאלין . הט אים גיענטפערט דער
שיפער איך וועל צו דיר טאן וואס דו פר לאנגסט פון מיר . דער נאך
איז דער רמב"ם מיט דעם שיפער אריין גינאנגין אין איין קליינעם
שיפעלע . אונ באלד ווי זיי זענין נאר אריין גיקומען אין שיפעלע איז
דער שיפער איין גישלאפין גיווארין זייער שטארק . ווארום דער
דער רמב"ם הט גינומען דעם שם פון קפיצת הדרך וואס ער הט
אים אן גישריבען בשעת ער איז נאך גיוועזין אין דר היים אונ הט
אים אריין גילייגט אין עק פון די שיף . אונ איין פערטיל שעה ארום
איז גיקומען דער רמב"ם מיט זיין ווייב אונ קינדער וואס האבין מיט
אים גישפאצירט צום ברעג ים פון דעם לאנד מצרים ווייט כמה וכמה
הונדערטין מיילין פון אלגיר אונ די שיף הט זיך דארטין גישטעלט .
אונ אין דער רגע הט זיך אויף גיהאפט דער שיפער אונ ווי ער
הט דער זעהן אז ער איז אין אפרעמדע לאנד אונ איין לשון וואס
ער פר שטייט ניט הט ער גיהערט . הט ער זייער גיציטערט אונ
הט גישריגען איין גרויס ביטער גישרייא אונ ער הט זיך גיקלערט
אז מיט כישוף הט דס דר רמב"ם גיטאן . אונ אז דר רמב"ם הט
דער הערט זיין גישריי הט ער אים בארוהיגט מיט ווייכע רייד אונ
הט צו אים גיזאגט זארג נאר ניט דען אין איין פערטיל שעה קער
איך דיר אום אהיים קיין אלגיר נאר דו זאלסט היטין אז די שיף וועט
קומען קיין אלגיר אונ דו וועסט דערמאנט זיך אויף כאפין זאלסט
דו זיך שוין מטהר זיין . אונ דו זאלסט נעמין מיין כתב דעם וואס
איך וועל צו דיר אריין לייגין אין עק שיף . אונ דו זאלסט דם
אריין ווארפין אין ים . אונ אויב דו וועסט דער ופון פר ציילין
צו עפים איין מענטשין וועסט דו באלד שטארבין . הט דער שיפער
גיזאגט איך וועל אזו טאן ווי דו פר זאגסט מיר . אונ ער הט אים
צו גישווארין אויף דער זאך . דער נאך הט דער רמב"ם אים
בצאלט זיין שכר אונ הט אים אפ גשיקט צוריק אונ ער איז גקומן
אין אפערטיל שעה קיין אלגיר . אונ ער הט גיטאן אזו ווי דער
רמב"ם הט אים גיהייסין :

אונ דער רמב"ם איז גיקומען אין עטליכע טעג אין דער
שטאט אלקיירה וואס דם איז די הויפט שטאט פון מצרים אונ דארטין
זיצט דער מלך פון מצרים . אונ עס הט ניט גיווערט קיין לאנגע
צייט האבין די קנעכט אונ אזו אויך אלע גרויסע לייט מיט די
די הארין פון די מדינות זייער גילויבט דעם רמב"ם פר דעם מלך
פון מצרים. ווארום ער הט גיטאן גאנץ גרויסע פעולות אונ גרויסע

וואוּנְדֶער מִיט דִי רְפוּאוֹת וָוס עֶר הָט גִיטָאן. אוּנ עֶס הָט נִיט גִיוֶועהְרְט אֵיין יָאר הָט דֶר מֶלֶךְ גִימַאכְט אִים גְרוֹיס מַהֲמַת זַיינֶע פִּיל חָכְמוֹת אוּנ וִויסֶען שַׁאפְט. אוּנ זַיין שְׁטוּל הָאט עֶר אוֹיף גִיהוֹיבִּין הֶעכֶער פַר אַלֶע קְנֶעכְט פוּן מֶלֶךְ אוּנ הָט אִים זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. אוּנ זַיין גְרוֹיסֶער נָאמֶען אִיז גִיהֶערְט גִיוָוארִין אִין אַלֶע לֶענְדֶער. אוּנ דִי זַאךְ אִיז גִיהֶערְט גִיוואוּרִין דוּרְךְ דִי שִׁיפֶער וָוס פָארִין אוֹיפִין יַם הַגָדוֹל (דָס אִיז דֶר גְרוֹיסֶער יַם) צוּ דֶעם שׁוֹפֵט פֶּערִי דֶעם רמב"ם שׂוֹנֵא אַז דֶער רמב"ם אִיז אַנְטְלָאפְן אוּנ עֶר אִיז אִין מִצְרַיִם. אוּנ אַז דֶר מֶלֶךְ הָט אִים גִיגְרֵייסְט הָט דָס דֶעם שׁוֹפֵט פֶּערִי זֵייעֶר פַר דְרָאסִין אוּנ אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט דְרוֹיף:

אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועזִין נָאךְ דֶעם אַז עֶס הָאט זִיךְ אוֹיס גִילָאזְט דִי דְרַייא יָאר פוּן דֶער צֵייט אָן וִוי דִי מְדִינָה פוּן אַלְגִיר הָאט כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶועזִין מִיט דֶעם מֶלֶךְ פוּן מִצְרַיִם. אוּנ אַלֶע דְרַייא יָאר זֶענִין זֵיי מְחַדֵשׁ זֵייעֶר בְּרִית. הָאבִּין גִישִׁיקְט דִי שׁוֹפְטִים פוּן אַלְגִיר דֶעם שׁוֹפֵט פֶּערִי צוּ דֶעם מֶלֶךְ פוּן מִצְרַיִם קֵיין אַלֶקְקִיירָה אוּנ עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. אוּנ אוֹיךְ צוּ מָארְגִין פוּן זַיין קוּמֶען הָט דֶער רמב"ם בַּאשְׁוָוארִין דֶעם שַׂר שֶׁל אֵשׁ (דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ וָואס עֶר אִיז אַיין מְמוּנֶה אוֹיף פַייעֶר) אַז עֶר זָאל נִיט לָאזִין קֵיין פַייעֶר בְּרֶענִין אִין גַאנְץ מִצְרַיִם. אִיז גִיוָוארִין אֵיין גְרוֹיס גִישְׁרֵייא אִין גַאנְצִין לַאנְד מִצְרַיִם. אוּנ אוֹיךְ אִין גַאנְצִין גְרֶענִיץ פוּן אַלֶקְקִיירָה וָוארוּם זֵיי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט אָן צִינְדִין קֵיין פַייעֶר אִין אַלֶע עֶרְטֶער. אוּנ דֶער גְרוֹיסֶער גִישְׁרֵייא אִיז גִיוֶועזִין זֶעקְס טֶעג אִין גַאנְץ מִצְרַיִם:

וִוי דֶער מֶלֶךְ הָט דָס גִיהֶערְט הָט עֶר גִיפְרֶעגְט בַּיי אַלֶע חֲכָמִים וָוס פַר שְׁטֵייעֶן זִיךְ אוֹיף דִי צַייטִין. וָוס קָאן מֶען טָאן צוּ אַזוֹי אֵיין דְבַר פֶּלֶא וָוס אִיז אִין זַיין גַאנְצִין לַאנְד. הָט קֵיינֶער פוּן דִי חֲכָמִים נִיט גִיוואוּסְט וָוס פּוֹתֵר צוּ זַיין אִים. וִוי דֶר מֶלֶךְ הָט גִיזֶעהְן אַז קֵיינֶער פוּן דִי חֲכָמִים וֵוייסִין נִיט וָואס דֶער צוּ אִיז צוּ טָאן. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט בַּיי זַיין גְרוֹיסִין דָאקְטֶער דֶעם רמב"ם. הָט דֶער רמב"ם אִים גִיעֶנְטְפֶערְט דֶער מֶלֶךְ זָאל אֵייבִּיג לֶעבִּין אִיךְ גִידֶענְק בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין גִיוֶועזִין אִין דֶער שְׁטָאט אַלְגִיר אִיז דָארְטִין גִיוֶועזִין צְווִישֶׁען דִי שׁוֹפְטִים אֵיין גְרוֹיסֶער מְכַשֵּׁף וָואס זַיין גְלַייכִין אִיז נִיט צוּ גִיפִינֶען אִין דֶער גַאנְצֶער לַאנְד בַּארְבַּרְיֶיע אוּנ זַיין נָאמִין אִיז פֶּערִי. אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז שׁוֹין פוּן זֶעקְס טֶעג אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אַהֶער מְחַדֵשׁ זַיין דֶעם בְּרִית אוּנ גִיווִיס אִיז זַיין רֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה אִיבֶּער צוּ פִירִין דַיין מְדִינָה אוּנ צוּ הַארְגֶענֶען דִיךְ אוּנ דַיינֶע קִינְדֶער אוּנ דַיינֶע הַארִין אוּנ דַיינֶע קְנֶעכְט מִיט זַיין כִּישׁוּף אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט עֶר וֶוערִין אֵיין

מלך

מֶלֶךְ אין מִצְרַיִם אונ אין אַראַבִּיֶע. ווי דער מֶלֶךְ הָט דָס גיהערט הָט ער גיענטפֿערט דעם רמב״ם אַז נעכטין הָט דער שופֿט פֶּערִי דער ציילט איינעם פֿון די קנעכט פֿון זיין שטוב אַז דו ביסט אַנטלאָפֿין גיוואָרין אין יענעם אונ אין יענעם יאָר אונ אין יענעם אונ אין יענעם טאָג נאָךְ הַאלבּין טאָג פֿון אַלְגִיר בַּחְצוֹת זייא האָבּין גיוואָלט דיךְ האַרגינען מַחְמַת דו האָסט גישאָלטין גאָט אונ דעם גאַנצין דיוואַן פֿון דאָרטין מיט דער גאַנצער מְדִינָה. הָט דער רמב״ם גיענטפֿערט דעם מֶלֶךְ דער מֶלֶךְ זאָל אויף זייבּיג ר[illegible] אונ זאָל זעהן צו היטין זיין לאַנד מיט די אַלע אַיין וואונער פֿון שלעכטס. נאָךְ ניט גינוג וואָס דער שופֿט פֶּערִי איז איין גרויסער מְכַשֵּׁף אונ זיין גאַנצע מַחְשָׁבָה איז נאָר איין צו נעמין דורךְ זיין כִּישׁוּף פֿיל פֶּעלקער צו זיין איבּער זייא איין מֶלֶךְ וויל ער נאָךְ פַאר גיסין אום זיסע בּלוט מיט זיין כִּישׁוּף. אונ ער איז גינאַנגען מיט דעם רְשׁוּת פֿון מֶלֶךְ צו אים אַהיים אונ הָט זיךְ אום גיקערט צום מֶלֶךְ אונ הָט גיבּראַכט צום מֶלֶךְ די גישריפֿט פֿון דעם מְמוּנֶה אויף דעם בּרעג יַם וואָס איז אין מִצְרַיִם וואָס ער הָט גיגעבּין נאָךְ הַאלבּין טאָג פֿון דעם אייגענעם טאָג וואָס דער שופֿט פֶּערִי הָט גיזאָגט אַז ער איז אַנטלאָפֿין פֿון אַלְגִיר אונ דעם בּריף צום הערין פֿון דעם טויער פֿון אַלְקַיירָה וואָס ער הָט מְקַבֵּל גיוועזין אין עטליכע טעג שפּעטער. הָט דער מֶלֶךְ גיגלויבּט דעם רמב״ם אונ ער הָט שולדיג גימאַכט דעם שופֿט פֶּערִי:

דער נאָךְ הָט זיךְ דער מֶלֶךְ איין עצה גיהאַלטין מיט זיינע יוֹעֲצִים וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם מְכַשֵּׁף פֶּערִי. אונ אַז עס איז גיוועזין אין דעם אַבּענט טאָג פֿון זיין קומען איז אַרויף דער שופֿט פֶּערִי אויף איין רייט וואָגין וואָס ציהען אים אַכט אַתְשְׁתְּרָנִים דָס איז אַזוי איין מין אייזיל צו גיין צום מֶלֶךְ מְחַדֵּשׁ צו זיין דער בְּרִית אונ צו מַאסֶערין אויף דעם רמב״ם. אונ צו פֶּערִי דעם שופֿט איז גיוועזין איין הונט איין גאַנץ גרויסער אונ זייער איין שיינער וואָס ער הָט אים זייער האָלט גיהאַט אונ דער הונט איז אויךְ גיוועזין מיט אים אין דעם רייט וואָגין אונ בּאַלד ווי ער מיט דעם הונט איז נאָר אַריין אין רייט וואָגין הָט דער הונט אַשְׁפּרונג גיטאָן פֿון רייט וואָגין אונ הָט אַרויס גילאָזין איין גרויסין פֿייער פֿון זיין מויל אונ דער פֿייער איז אַזוי גרעסער גיוואָרין אונ איז גיוואָרין גרעסער פֿון אַלע הייזער פֿון אַלְקַיירָה אונ הָט גיבּרענט די הייזער אונ די מענטשין בּיז וואַנען עס איז גיוואָרין זייער איין גרויסער פֿייער. אונ דער שופֿט פֶּערִי שטייט אונ פֿאַר וואונדערט זיךְ זייער וואָרום ער הָט גאָר ניט גיוואוסט ווי אַזוֹ זאָל זיין הונט אַזעלכער גוטער פֿריינד זיינער טאָן אַזוי איין זאַךְ אוים לאָזין פֿון זיין מויל

פלאמין

פְלַאמִין פַייעֶר אוּנ זָאל אַלֶין פַר גְרֶעסֶערִין זִיךְ אָן אוֹיף הֶערוּנְג . אוּנ וִוי דֶר פְּרָאכְטֶער עוֹלָם וָוס זֶענִין גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין זַיין וָואגִין הָאבִּין גִיזֶעהֶן דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה רֶע הָאבִּין אַלֶע גִישְׁ. יֶען מְכַשֵׁף מְכַשֵׁף . דֶר גְרֶעסְטֶער מְכַשֵׁף אִיבֶּער אַלֶע מְכַשְׁפִים אַז אַז אֶיינֶער אִיז נִיט גִוֶועזִין אִין גַאנְץ מִצְרַיִם פוּן לַאנְגֶע צַייטִין . הָאבִּין זֵיי נִי אָנְט מֶען דַארְף הַארְגֶענֶען אִים אוּנ זַיין הוּנְט . ווארוּם עֶס קֶען אִיבֶּער גִיפִירְט וֶוערִין גַאנְץ מִצְרַיִם . זֶענִין זֵייא פְלוּצְלוּנְג גִיקוּמֶען אוֹיף אִים אוּנ הָאבִּין אִים צוּ שְׁנִיטִין מִיט זַיין הוּנְט אוֹיף שְׁטִיקֶער בִּיז וַואנֶען זֵיי זֶענִין גִיוָוארִין בֵּידֶע אַזוֹ וִוי מֶעהר הַמִשְׁתַּגֵעַ . אוּנ זֵיי הָאבִּין אַלֵיין זַיין וָואגִין צוּ בְּרָאכִין אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקֶער . אוּנ יֶעדֶערֶער פוּן דֶעם עוֹלָם הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין שְׁטִיקֶעל פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער אָדֶער פוּן זַיין הֵייט . אָדֶער פוּן דִי בֵּיינֶער אוּנ הוֹיט פוּן זַיין הוּנְט אָדֶער אֵיין שְׁטִיקִיל הָאלְץ פוּן זַיין וָואגִין אוּנ מֶען הָאט דָאס גִינוּמֶען אַהֵיים אוּם צוּ בַּהַאלְטִין עֶס אִין אֵיין לַיימֶענֶע כֵּלִי כְּדֵי עֶס זָאל לִיגִין דָם אַלַאנְגֶע צַייט אֵיין צֵייכִין צוּ דִי פַר בְּרֶעכֶער . אַז עֶס זָאל זִיךְ נִיט דֶער וֶועגִין נָאךְ אֵיין מְכַשֵׁף צוּ טָאן אַזוֹ וִוי עֶר . אוּנ דֶער כַּעַס פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּנ פוּן דֶעם רמב"ם אִיז שְׁטִיל גִיוָוארִין :

מַעֲשֶׂה פוּן נוֹדַע בִּיהוּדָא

הָרַב הַגָּאוֹן רַבִּי יְחֶזְקֵאל בַּעַל נוֹדַע בִּיהוּדָה אֵיידֶר עֶר אִיז גִיוֶועזִין אַרָב אִין פְּרַאג . אִיז עֶר גִיוֶועזִין אֵיין רָב אִין אֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטָאט . אוּנ זַיין הֵיילִיגֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶועזִין צוּ קְלַייבִּין נְדָבוֹת אוּנ אוֹיךְ צוּ בְּרֶענְגִין אַנְדֶערֶע לַייט צוּ טָאן צְדָקָה אוֹיף צְדָקָה אוּנ הַכְנָסַת כַּלָה. אוּנ פְלֶעגְט אָפְּט מִיט גְוואלְד מְקַבֵּל זַיין נְדָבוֹת אוּנ אוּנְטֶער צוּ לֶעהנֶען דִי הֶענְט פוּן דִי אָרִימֶע לַייט . הָט דִיזָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גִיטָאן אִיבְּלֶען אִין דִי אוֹיגִין פוּן דִי נְגִידִים אוּנ זֵיי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט בַּאשְׁטֵיין קֶעגִין אִים . אֵיין מָאל הָאבִּין זִיךְ אֵיין גִיזַאמִילְט אַלֶע סוֹחֲרִים פוּן שְׁטָאט אוּנ אַלֶע גְבִירִים . אוּנ הָאבִּין אוֹיס דֶער וֶוילְט אַזֶעלְכֶע דְרַייא נְגִידִים וָוס הָאבִּין אִין זִיךְ אֵיין גְרוֹיס עַזוּת . וָוס הָאבִּין גָאר נִיט דֶעם מוֹרָא פוּן שֶׁעמִין זִיךְ . אוּנ הָאבִּין זֵייא גִישִׁיקְט אַז זֵיי זָאלִין אַרִיבֶּער גֵיין צוּם רָב אוּנ זָאלִין אִים פַאר זָאגִין אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיט אַוֶועק וַוארְפִין זַיין שְׁטֵייגֶער אוּנ וֶועט נִיט אוֹיף הֶערִין אַרוֹיף צוּ וַוארְפִין אוֹיף זֵיי דֶעם יָאךְ פוּן צְדָקָה . זָאל עֶר וִויסִין אַז דֶער עוֹלָם וֶועט אִים נִיט בַּאגֶערִין פַר אֵיין רָב אוּנ עֶר מָאג זִיךְ זוּכִין אֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטָאט . דִיזֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אָן זִיךְ אָן גִיטָאן גְרוֹיס שְׁטַארְקֵייט אוּנ זֶענִין גִיגַאנְגִין צוּם רַב אוּנ הָאבִּין צוּ אִים גִיזָאגְט דִי רֵייד פוּן דִי שְׁטָאט

לַייט . רוּפְט זִיךְ צוּ זֵיי אָן דֶער רַב רֶעכְט הָט אִיר גִירֶעט אוּנ גְרַיילִיךְ׃ אִין
דֶער צַייט הָט אִיר גִירֶעט. אוּנ הָט זֵיי גִיוִויזִין אֵיין כְּתַב וָוס עֶס אִיז צוּ אִים
גִישִׁיקְט גִיוָוארִין פוּן דֶער שְׁטָאט פְּרָאג . נָאר דָס הָט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט אִיר
הָט דָאךְ דֶער פוּן נִיט גִיוואוּסְט אוּנ אַייעֶר כַּוָּונָה אִיז דָאךְ גִיוֶועזְן מִיר צוּ
וֶוייטָאגִין מַיין גִימִיט אוּנ אָן צוּ זָאגִין מִיר אֵיין צַעַר וֶועט אִיר דֶער פַר אָפּ
נֶעמִין אַייעֶר לוֹין . אֵיינֶעם הָט עֶר גִישָׁאלְטִין עֶר זָאל אַרָאפּ נִידֶערִין פוּן
זַיינֶע גִיטֶער אוּנ זָאל אָרוּם וֶוערִין . דֶעם אַנְדֶערִין הָט עֶר פַר זָאגְט עֶר
זָאל צַוָּואָה לָאזִין זַיין הוֹיז גִיזִינְד דֶען עֶר וֶועט גִיוִויס שְׁטַארְבִּין . דֶעם
דְרִיטִין וָוס עֶר הָט אַבִּיסִיל אֵיין גִיהַאלְטִין זַיין גִימִיט . אוּנ הָט פַר אִים אַזוֹי
שְׁטַארְק נִיט דֶער צֵיילְט אִין גַאנְצִין דִי רֵייד פוּן דִי שְׁטָאט לַייט מֵחֲמַת עֶר
הָט זִיךְ פָארְט גִיפָארְכְטֶן פַר דֶעם רַב אוּנ הָט זִיךְ גִישֶׁעמְט פַר אִים .
הָט עֶר אִים אַזוֹ גִשָׁאלְטִין אַז עֶר זָאל הָאבִּין אֵיין זוּן פוּן זַיין וַוייבּ דִיזֶע
וָוס זִי אִיז אִיצְט מְעוּבֶּרֶת אוּנ עֶר זָאל זַיין אֵיין גְרוֹיסֶער וואוּל לֶערְנֶער .
נָאר אִין דֶעם טָאג וָוס עֶר וֶועט וֶוערִין בַּר מִצְוָה זָאל עֶר יוֹצֵא לְתַרְבּוּת
רָעָה זַיין . וִוי דֶער רַב הָט פַר לֶענְט צוּ רֵיידִין זַיינֶע רֵייד אוּנ אִין אֵיין וַוייל
אַרוּם הָט זִיךְ גִיהֶערְט דִי קְלַאפּוּנְג פוּן דִי פִיס פוּן דִי פֶערְד זֵייעֶר שְׁטַארְק
וָוס מֶען הָט גִיאַיילְט דֶעם רַב צוּ פִירִין אִין דֶער שְׁטָאט פְּרָאג בְּכָבוֹד גָדוֹל :

וִוי דֶער רַב הָט גִישָׁאלְטִין דִי דְרַייא נְגִידִים אַזוֹ אִיז גִיוֶוען . אֵיינֶער אִיז
גִישְׁטָארְבִּין אוּנ דֶער צְווייטֶער אִיז אַרָאפּ פוּן דִי גִיטֶער אוּנ אִיז גְרַיילִיךְ
אָרוּם גִיוָוארִין . אוּנ צוּ דֶעם דְרִיטִין אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין אֵיין זוּן וָוס אִיז
נָאךְ אַזוֹ אֵיין חָכָם נִיט גִיוֶוען אִין דֶער וֶועלְט . הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גִיקְלָאגְט דֶער
מֶענְטְשׁ מִיט זַיין וַוייבּ וִוי זֵיי הָאבִּין דֶער זֶעהְן אַז דִי קְלָלָה פוּן צַדִּיק אִיז
מְקוּיָּים גִיוָוארִין אָן דִי צְווייא גְבִירִים . דֶען דָא הָאבִּין זֵיי שׁוֹין נֶעבִּיךְ גוּט
פַר שְׁטַאנֶען זֵייעֶר גְרוֹיסִין אוּמְגְלִיק אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין אוֹיךְ גִיוִויס נִיט
אַנְטְרוּנֶען וֶוערִין פוּן דִי קְלָלָה פוּן צַדִּיק . אוּנ נָאךְ מֶער וִוי זֵיי הָאבִּין
גִיזֶעהְן דִי פִיל חָכְמָה פוּן דֶעם זוּן וָוס אִיז צוּ זֵיי גִיבָּארִין גִיוָוארִין אוּנ וָוס
אַטָאג פְלֶעגְט זַיין חָכְמָה גִימֶערְט וֶוערִין . וִוי עֶר הָט נָאר אָפּ גִילֶערִינְט
אֵיין מָאל דֶעם אָלֶף בֵּית הָט עֶר שׁוֹין גַאנְץ קְלָאר גִיוִויסְט אוּנ זַיין שֵׁם
הָט זִיךְ זֵייעֶר גְרַיילִיךְ גִיהֶערְט אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט . אוּנ אַלֶע הָאבִּין אִים
גִירִימְט אוּנ עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען אִין דִי אוֹיגִין פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין
אָבֶּער אִין דִי אוֹיגִין פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין וַואר פוּנְקְט פַר קֶערְט וָוס זֵיי הָאבִּין
פוּן אִים מֶער חָכְמָה גִיזֶעהְן הָאבִּין זֵיי דֶער פוּן נָאךְ מֶער צַעַר גִיהַאט . דֶען
זֵיי הָאבִּין דָאךְ אַלְץ גִיהַאט אִין זִינֶען דֶעם סוֹף פוּן דִיזֶען יוּנְג . וִוי דִיזֶער
יוּנְג אִיז גִיוָוארִין אַלְט אַכְט יָאר הָט עֶר שׁוֹין גִיקֶענְט ש"ס וּפוֹסְקִים אַזוֹ וִוי
אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע לַייט . דֶער יוּנְג הָט אוֹיךְ פַר שְׁטַאנֶען אָן זַיין פָאטֶער
אוּנ מוּטֶער וִוי עֶר הָט גִיזֶעהְן אַז יֶעדֶער טָאג וָוס עֶס דַארְף אִין זֵיי גִימֶערְט

ווערין

וֶוערִין שִׂמְחַת מַחְמַת זַיין פִיל חָכְמָה וָוס עֶס וֶוערְט אִין אִים גִימֶערְט אוּנ זַיי זֶענִין נָאךְ מֶער פַר זִיפְצְט אוּנ אִין צַעַר אַז עֶס מוּז עֶפִּיס אִין דֶעם זַיין. הָט עֶר בַּיי זַיי גִיפְרֶעגְט אוּנ הָט פַר זַ׳י גִיוַויינְט אַז זַיי זָאלִין אִים אוֹיס זָאגִין דֶעם גַאנְצִין אֱמֶת אוּנ הָט צוּ זַיי אַזוֹ גִיזָאגְט פַר וָוס פְרֶעמְדֶע לַייט וָוס זֶעהְן מַיין חָכְמָה פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מִיר אוּנ אִיר לאַ דַי וָוס אִיר פְרֵייט זִיךְ נִיט מִיט מִיר וֵויינְט אִיר נָאךְ טָאג אוּנ טָאג אוּנ אִיךְ בִּין נָאר שְׁלֶעכְט אִין אַייֶערֶע אוֹיגִין. וִוי זַיי הָאבִּין גִיהֶערְט פוּן זַיין מוֹיל אַזֶעלְכֶע רֵייד. הָאבִּין זַיי זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גִיהוֹיבִּין צוּ וֵויינֶען אֵיין בִּיטֶער גִיוַויין אוּנ הָאבִּין אִים גִיעֶנְפֶּרְט עֶפִּיס אֵיין תֵּירוּץ אָבֶּער זַייעֶר תֵּירוּץ אִיז נִיט אִים אַרַיין גִיגַאנְגִין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרִין. נָאךְ אִין אֵיין יָאר אַרוּם הָט דִי שְׁטָאט גְרַיילִיךְ גִיבְּרוּמְט אוֹיף זַ׳י פִיל חֲרִיפוּת פוּן דֶעם יוּנְג אוּנ אַלֶע גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים לוֹיבִּין אִים אוּנ גִ׳בִּין אִים אָפְּ גְרוֹיס כָּבוֹד. נָאר דִי עֶלְטֶערִין זַיינֶע זֶענִין זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּנ הָאבִּין גָאר קֵיין הֲנָאָה נִיט פוּן זַיין פִיל חָכְמָה. מִיט אַמָאל אִין אֵיין טָאג וִוי דֶער יוּנְג הָט זִיךְ גִינוּמֶען צוּם הַארְצִין דִי צָרוֹת פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין וָוס עֶר וַויים גָאר נִיט פַר וָוס אוּנ פַר וֶוען. הָט עֶר וִוידֶער גִיוַויינְט אוּנ גִיבֶּעטִין זִיךְ בַּיי זַיי אַז זַיי זָאלִין אִים אוֹיס זָאגִין דֶעם אֱמֶת אוּנ זָאלִין פוּן אִים נִיט לֵייקֶענֶען. טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענִין הֶעלְפִין צוּ הֵיילִין דִי קְלָאג פוּן זֵייעֶר הַארְצִין. זַיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִיט מִיגְלִיךְ צוּ פַר הוֹילִין פוּן אִים הָאבִּין זַיי אִים דֶר צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶר קְלָלָה פוּן רַב. זוֹפְט זִיךְ אָן דֶר יוּנְג צוּ זַיי מַיינֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערִין אַזוֹ זָאלְט אִיר מִיר טָאן. גִ׳יט מִיר גֶעלְד אוֹיף דֶער הוֹצָאָה פוּן וֶועג אוּנ אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט וואוּ הִין מַיינֶע פִיס וֶועלִין מִיךְ טְרָאגִין אוּנ וואוּ עֶס וֶועט מִיר גִיפֶעלִין זַיין אִין מַיינֶע אוֹיגִין. אוּנ אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז חַס וְשָׁלוֹם יוֹא נִגְזַר גִיוָוארִין אַז אִיךְ זָאל הָאבִּין בֵּייזֶע מִידוֹת אִיז אוֹיךְ פִיל גְלַייכֶער אַז אִיר זָאלְט דָאס נִיט זֶעהְן מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגִין. וֶועט לְכָל הַפָּחוֹת נִיט זַיין אַייעֶר שַׁאנְד אַזוֹ גְרוֹיס. אוּנ אוֹיבּ דֶר אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפִין אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערִין פוּן דֶר קְלָלָה פוּן רַב אוּנ עֶס וֶועט אוֹיף מִיר קוּמֶען אֵיין בְּרָכָה וֶועל אִיךְ אַייךְ מוֹדִיעַ זַיין כְּדֵי אִיר זָאלְט הָאבִּין גְרוֹיס נַחַת. זַיי הָאבִּין פַר שְׁטַאנֶען אַז עֶר רֶעט רֶעכְט אוּנ זַיין עֵצָה אִיז גְרַיילִיךְ רֶעכְט פַארְטִיג. הָאבִּין זַיי גִיטָאן וִוי זַיינֶע רֵייד. אוּנ הָאבִּין אִים גִיגֶעבִּין גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת אוֹיפִין וֶועג אוּנ הָאבִּין אִים אַוֶועק גִישִׁיקְט. אוּנ זַיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיוַויינְט אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גִיוַויינְט אוּנ הָאט זִיךְ אָפְּ גִישֵׁייד פוּן זַייא:

דֶער יוּנְג אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגִין אוּנ הָט זִיךְ גִיצוֹיגִין בִּיז עֶר אִיז גְקוּמֶן צוּ דֶר שְׁטָאט פְּרָאג צוּ דֶר יְשִׁיבָה פוּן הָרַב רַבִּי יְחֶזְקֵאל. אוּנ קֵיינֶער הָט נִיט גִיוואוּסְט וֶוער עֶר אִיז אוּנ נִיט פוּן וַואנֶען עֶר אִיז. וִוי דֶער רַב הָט

גיזעהן

געזעהן זיינע גרויסע חריפות אונ זיין פיל פר שטאנד אין לערנין איז ער בייא אים זייער טייער געוועזן. דען ער איז ביי אים געוועזן דר בעסטער פון אלע זיינע תלמידים וואס האבין זיך געפונען אין זיין ישיבה. אונ ווי מען האט זיך דר וואוסט אין די שטאט פון די מעלות פון דעם יונג. האבין זיך גיפ גען אויף אים זייער פיל בעקנים צו מתחתן זיך זיין מיט אים. נאר דער רב האט ניט דר לאזין דען ער האט אים געוואלט נעמין פאר זיין איינע טאכטער וואס ער האט גיהאט איין בתולה. אונ אזוי איז טאקע גיוועזן ווי ער איז גיווארין אלט צעהן יאר האט זיך מיט אים דער רב מחותן גיוועזן. אונ האבין אפ גישטעלט דעם זמן פון החתונה אז ער וועט אלט ווערין דרייצעהן יאר. אונ דס האט דער רב ניט געוואוסט וואס ער האט אין גישאלטין ווארום ער האט גאר ניט גיוואוסט ווער ער איז. עס איז גקומען נאהינט צו דר צייט פון חתונה האט דר רב גישיקט מיט צוויי וואכין פריער רופען צו אלע זיינע בעקאנטע לייט ווייטע אונ אויך נאהנטע ווי דער שטייגער איז פון איין רב. כדי מען זאל אים שיקין דרשה גישאנק. אונ אויך צו זיין שטאט וואס ער איז פריער גיוועזן האט ער גישיקט בריף צו פיל נגידים וואס זענין גיוועזן זיינע גוטע פריינד. האבין אלע נגידים אום גקריבין צוויי נגידים אונ האבין אים גקריבען דרשה גישאנק פון די גאנצע שטאט פון יעדין מענטש ווי פיל עס האט אים באוויליגט זיין הארץ. אונ האבין געשיקט דורך דר האנט פון די צוויי נגידים. אונ די צוויי נגידים האבין גיזעהן אז זיי זאלין קומע אין דער שטאט פראג אויף דעם שבת וואס איז פאר דר חופה וואס דס רופט מען אן פאר שפיל. אונ האבין גיגעבין צו דעם רב די דרשה גישאנק וואס עס איז צו אים גישיקט גיווארין דורך זייער האנט:

ווי עס איז גיקומען די נאכט פון שבת אין זיי עסין ביים טיש רופין זיך אן די מענטשין וואס זענין גיקומען פון דער שטאט וואס ער איז ביי זיי פריער איין רב גיוועזן. מיר ווילין זעהן דעם חתן. רופט זיך אן דער רב צו זיי היינט אונ מארגין וועט איר אים ניט קענין זעהן. נאר צו שלש סעודות וועט ער אן הויבין איין דרשה צו זאגין דען מאלט וועט איר אים זעהן. אזו איז גיוועזן צו דער דריטער סעודה איז דער חתן גיקומען אונ האט גיזאגט תורה וואס זענין גבייליך זיס צו דעם אויער פון צו הערער איז זיי זייער גיפעלין גיוועזן. אונ פאר זייער אוועק גיין אהיים. זענין זייא גיגאנגין צום חתן אונ האבין אים גיבענטשט מיט דער ברכה פון איין מזל טוב. ווי זיי האבין אים דער זעהן האבין זיי אים דער קענט. נאר זיי האבין ניט גיוואוסט ווער ער איז. ווי זיי זענין ארויס אין גאס פון שטאט רופין זיי זיך אן איינער צו דעם אנדערין זיין גישטאלט איז מיר עפיס גבייליך בעקאנט נאר איך ווייס ניט ווער ער איז. דער אנדערער

רופְט זִיךְ אָן מִיר אִיז עֶר אויךְ בֶּעקַאנְט אונ מִיר דוכְט זִיךְ אַז עֶר אִיז דֶער זוּן פוּן דֶעם דָאזִיגִין וָוס דֶער רַב הָט אִים גִישָׁאלְטִין, עֶר זָאל אַרוֹיס פוּן דֶרֶךְ הַיָּשָׁר רופְט זִיךְ אָפּ נָאךְ אֵיינֶער דוּ בִּיזְט גִירֶעכְט מִיר דוכְט אויךְ אַזוֹא אונ אִיךְ הָב גִיהֶערְט אַז צוּ דֶר חֲתוּנָּה בַּארְפְֿעֶר זַיין דְרַייצֶעהֶען יָאר בִּכֵן אַז מִיר וָועלִין דָס נִיט דֶר צֵיילִין פַר דֶעם רַב וָועלִין מִיר דָאךְ זִינְדִיגִין צוּ גָאט אוּנ עֶס וָועט אויף אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם קוּמֶען אֵיין קְלָלָה. בִּכֵן בַּארְפִין מִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אוּנ דֶער צֵיילִין דָס פַר דֶעם רַב. טָאמֶער וָועט עֶר קֶענֶען בַּאשְׁ־מֶעט וֶוערִין. זַיינֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּם רַב אוּנ הָאבִּין אִים דָס דֶר צֵיילְט. אַז דָס אִיז דֶער זוּן פוּן דֶ ם דָאזִיגִין גְבִיר וָוס דֶער רַב הָט דָאךְ אִים גִישָׁאלְטִין עֶר זָאל וֶוערִין אֵיין רָשָׁע. רופְט זִיךְ צוּ זֵיי אָפּ דֶר רַב אַז עֶס אִיז יוֹא אַזוֹ וָועט אִיר זֶעהְן אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם וָוס עֶס וָועט זַיין דֶר סוֹף דֶר פוּן. הָט דֶר רַב פַר זָאגְט מֶען זָאל מַאכִין אִין אֵיין קֶעלֶער טִירִין פוּן שְׁטַארְקֶע אַייזִין. אוּנ הָט אויךְ גִילָאזְט מַאכִין צוּ אִים זַייעֶר שְׁטַארְקֶע שְׁלֶעסֶער. אוּנ הָט גִיזָאגְט מֶען זָאל דָארְטִין אַרַיין זֶעצִין דֶעם חָתָן בִּשַׁעַת עֶר וָועט אַלְט וֶוערִין דְרַיי צֶעהְן יָאר מִיט אֵיין טָאג. אוּנ דִי טִיר זָאל מֶען ־ר שְׁלִיסִין מִיט פִיל שְׁלֶעסֶער. אוּנ פִיל שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין הָט עֶר גִישְׁטֶעלְט בַּיי דִי טִיר פוּן דְרוֹיסִין זֵיי זָאלִין נִיט לָאזִין צוּ בְּרֶעכִין דִי טִיר. הָאבִּין זֵיי אַזוֹ גִיטָאן. אִין דֶעם טָאג וָוס עֶר אִ ז גִיוָוארִין אֵיין בַּר מִצְוָה הָאבִּין זֵיי אִים אַרַיין גִיזֶעצְט אִין קֶעלֶער אוּנ הָאבִּין פַר אִים פַר שְׁלָאסִין דִי טִיר. אוּנ דֶער חָתָן הָט דֶערְמָאלְט זַייעֶר גִילֶעסְטֶערְט דֶעם אויבֶּערְשְׁטִין. אוּנ הָט גִישְׁרִיעֶן אִין אֵיין קוֹל מֶען זָאל אִים לָאזִין טָאן בֵּייז. אוּנ עֶר אִיז צוּ גִינַאנְגֶען צוּ בְּרֶעכִין דִי טִיר. נָאר מֶען הָט אִים נִיט גִילָאזְין. אוּנ הָט אֵיין גַאנְצִין טָאג גִישְׁ וּרֶעמְט וִוי דֶער יָם עֶר וִויל נָאר גֵיין טָאן חֲטָאִים נָאר עֶר הָט נִי־ גִיקֶענְט. דֶער נָאךְ אַז דִי צַייט אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיז עֶר שְׁטִיל גִיוָוארִין פוּן זַיין שְׁטוּרֶעם אוּנ הָט זִיךְ בַּאקְלֶערְט וָוס הָט עֶר דָאס גִיוָואלְט טָאן. אוּנ הָט זִיךְ גִישְׁלָאגִין חָטָאתִי אוּנ הָט גְבַייכְט זִיךְ גִיפַּיינִיגְט אויף דֶעם וָוס עֶר הָט גִיוָואלְט אַזוֹי אֵיין שְׁלֶעכְץ טָאן. אוּנ הָט תְּשׁוּבָה גִיטָאן אֵיין רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה:

דֶער נָאךְ הָט דֶער רַב גִיהֵייסִין מֶען זָאל אִים אַרוֹיס לָאזִין פוּן גְרוּבּ. אוּנ הָט גִיזָאגְט מֶען זָאל שׁוֹין הַיינְט נָאר קֵיין מוֹרָא נִיט הָאבִּין עֶר וָועט שׁוֹין פוּן הַיינְט אָן חַס וְשָׁלוֹם נִיט טָאן קֵיין בֵּייז. דֶען אִין דֶר גְמָרָא שְׁטֵייט אויךְ אַזוֹ (בת דינא בטל דינא). אִיז דֶער טַייטְשׁ אַז דִי צַייט פוּן דֶעם גְזַר דִין גֵייט אִיבֶּער וֶוערְט דֶער גְזַר דִין בָּטֵל. אוּנ דִי חֲתוּנָּה הָאבִּין זֵיי אָפּ גִילֵייגְט אויף עֶטְלִיכֶע וָואכִין. אוּנ דֶער רַב הָט גִישְׁרִיבֶּען אֵיין בְּרִיף צוּ דֶעם פָאטֶער אוּנ מוּטֶער פוּן חָתָן אַז זֵיי זָאלִין

קומען אויף דער חַתוּנָה פון זייער זון. ווי זיי האבּין דס גיהערט איז זייער שִׂמְחָה גיוועזן גאר אן שיעור. אונ עס איז אויף זיי מקויים גיווארין דער פסוק (הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצוֹרוּ). דען בשעת ער איז פון זיי אוועק גיגאנגען איז זייער גיוויין גרייליך גרוים גיוועזן. אונ איצט אז זיי זענין אן גיזאגט גיווארין אזו איין בשורה טובה אונ נאך דער צו דס ער איז גיווארין דער איידים פון דעם רב איז זייער קלאג פאר קערט גיווארין צום גרוים שמחה. אונ האבּין גיאיילט ווס צום גיכסטין צו פארין קיין פראג צו פרייען זיך מיט גרוים ליבשאפט אויף דער שמחה פון זייער זון. אזו זאל אונז גאט העלפין אין געבין צו פרייען זיך מיט די פרייד פון ירושלים. אמן:

ענדע

מעשה נורא

פון ר׳ שמואל אמסטערדאמער

מיט זיין ווייב שרה די צנועה

פון דער מעשה קאן מען זיך אראפ נעמען א מוסר אז א מענטש טאר ניט זיין קיין מתרעם חלילה אנטקעגין גאט ב״ה נאר דער מענטש זאל נאר האבען דעם ביטחון צו גאט וועט אים השי״ת העלפין.

ארויס גיגעבען פון ח״ץ

הובא לביה״ד ע״י ה׳ פאביל מאלדאווסקי

ווארשא

בדפוס ר׳ חיים קעלטער נ״י.

שנת תרל״ט לפ״ק

МАСЕ НОЙРА

т. е. разсказъ о Самуилѣ Амстердамскомъ и его женѣ Сарѣ благочестивой.

Въ Типографіи и Литографіи Х. Кельтера
улица Тломацкая N. 9 въ Варшавѣ.
1879.

Дозволено Цензурою
Кіевъ 13 Февраля 1879 г.

אין דער גרויסער שטאט אמסטערדאם הט גיוואנט אגעוויסער מאן וועלכער מען האט אים גירופען ר׳ שמואל איידיל מאן. אונ ער איז גיוועזן איין גרויסער סוחר אונ איין פרומער מאן, ער איז גיזעסין יום ולילה על התורה ועל העבודה אונ זיין ווייב האט מען גירופען שרעלע דיא צנועה זיא איז שטענדיג גיזעסין אין גיוועלב אינ איז גיוועזן איין גרויסע אשת חיל אונ איז איך גיוועזן איין גרויסע בעל צדקה געבעריןֹ. ר׳ שמואל האט אזוי אפ גיוואונט מיט זיין ווייב שרעלע איין ערך פון צוואנציג יאר אונ זייא האבען קיין קינדער ניט גיהאט זייא פלעגין אופט וויינען אונ קלאגען אז זייא פלעגין זיך דער מאנען אז זייא האבען ניט קיין יורש. אויך פלעגין זייא זייער פיל צד״ה געבין אז דער איבערשטער זאל זייא מזכה זיין מיט אזון. נאר עס האט זייא ניט געהאלפען.

הכלל מען קאן פאר שטיין דיא יסורים וואס ר׳ שמואל מיט זיין ווייב שרעלע האבען גיהאט דער פון וואס זייא האבען קיין קינדער גיהאט! פעם אחת! איין מאל אום פרייטאג פאר נאכט איז ר׳ שמואל גיזעסין איינער אליין אין בית המדרש אונ האט ארויין גיקוקט אין איין ספר אונ איז אנטשלאפען גיווארען קומט אים צו חלום איין אלטער זיידע זיין אייניגער. אונ זאגט צו אים בזה הלשון מיין קינד וואס ביסטו אזוי פארזארגט. ר׳ שמואל הייבט אן זייער שטארק צו וויינען אונ זאגט זיידע פאר וואס זאל איך דען ניט זיין פאר זארגט וואס קומט מיר ארוס פון מיין גרויס עשירות וואס איך האב. אז איך וועל שטארבען ווער וועט דאס ירשענען. ענטפערט אים דער זיידע דו זאלסט וויסען מיין קינד אז דיינע טרעהרין זענין פאר נומען געווארען פר השם יתברך רק זאלסט וויסען דו ביסט געבארען געווארען אז דוא זאלסט קיין קינדער ניט האבין ווייל דוא וועסט לעבין נאר בעת איז ארויס דער פסק פון דעם הימעל אויב דו ווילסט האבין אזון וועסטו אן ווערין דיין גאנצע וועלט מיט דיין גאנץ עשירות אונ וועסט קומען אוף כבר לחם. אונ מען האט מיך גישיקט מן השמים איך זאל דיר דאס מודיע זיין. ע״כ באקלער זיך וויא אזוי דוא ווילסט בעסיר. ר׳ שמואל האט זיך זייער דער שראקין אונ איז גיווארען צוא מישט ער ווארט אביסעל. אונ רופט זיך אן צום זיידען איך וויל ליבערשט האבען אזון; דער זיידי האט זיך גיזעגינט מיט אים. ויקץ והנה חלום. ער חאפט זיך אויף עס איז גאר א חלום. ער

לויפט

לופט תיכף אהיים אונ דער צײלט זיין ווייב שרעלע דעם גאנצין חלום עס ווערט זייער אגרויס גיוויין מיט אגרויסע פרייד · פריילעך זענין זייא דער מיט ווס השי"ת וועט זייא מזכה זיין מיט איין זון · טרויעריג זאגן זיי אז זייא דער מאנען זיך אז זיי וועלין דארפען קומען אויף כבר רחם נאר אבער ווס העלפט דם עס איז שוין פר פאלען ער האט שוין אוף זיך מקבל גיוועזן דעם פסק מן השמים ! והגיע עת קבלת שבת וויא עס איז גיקומען דיא צייט מען זאל מקבל שבת זיין איז ר' שמואל גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין אונ זיין ווייב שרעלע איז אויך גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין · ואחר התפלה הלכו לביתם בשמחה גדולה · אונ נאך דעם דאווינין זאגען זייא גיגאנגען אהיים זייער פריילעך אונ ר' שמואל הט גימאכט קידוש אונ האבען זיך גיזעצט עסין אונ האבען גיפראווט זייער אפריילעכען טיש כמנהגו בכל שבת אזו ווי זייער מנהג איז גיוועזן גלע שבת :

וויא עס איז אוועק גיגאנגען איין ערך פון דריי חדשים איז שרעלע מעוברת גיווארען · איך קאן אייך אזו פיל ניט ארוס שרייבען דיא פרייד וואס אויף דעם פאר פאלק איז גיווארען אז זייא האבען גיזעהן אז שרעלע איז מעוברת געווארען צו מזל · אבער וויא גרוים איז געווארן דאס גיוויין אז זייא האבען זיך אן גיהויבען דער מאנען אז זייא וועלין דארפען אן קומען אויף כבר רחם ·

ויהי כי עברו תשעה חדשים וילדה בן זכר · אונ וויא עס איז אוים געגאנגען ניין חדשים האט אונזער שרעלע צו מזל גיהאט איין יונגל זייער איין שיין קינד · ר' שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך זייער גיפרייט מיט דעם קינד אונ מען האט גינומען תיכף מען האט אן גיהויבן מכין זיין אלדינג וואס מען דארף צום ברית וויא עס איז גיקומען דער טאג פון דעם ברית האט מען גיטראגען דאס קינד אין שול אריין אונ דער חזן האט גיזונגען וכרות אונ מען האט אן גיצונדען זייער פיל לעכט אין שול · נאך דעם דאווענען האט דער סנדק גינומען דאס קינד אוף דיא הענט אונ מען האט דאס קינד מל גיוועזן דער נאך האט מען גינומען דאס קינד אונ מען האט דאס גיטראגין אהיים יעדער גיט אפ מזל טוב · ער איז נעביך זייער טרויעריג דיא טרערין גיסען אים פון דיא אוגען וויא זייא גייען נעביך פון דער שול לופט דער משרת אנטקעגין אונ טראגט אים אבריף ר' שמואל עפינט דיא בריף שטייט דארט איר זאלט וויסין מיין ליבער בעל הבית ר' שמואל אזו וויא איך בין פון אייך אוועק גיפארין מיט געלט קיין לייפציג אונ האב גאט צו דאנקען גיקויפט זייער שיינע סחורה במקח השוה ולסוף בין איך בעת גיקומען אויף א סטאציע גיט ווייט פון אמסטרדאם האט זיך ביי נאכט אן גיצונדען די

קרעטשמע

קרעטשמע אונ עס איז פאר ברענט געווארען די בריקעס מיט סחורה אונ אויך איך אליין בין קאם אנטלאפען געווארען פון דעם פייער. וויא ר' שמואל הט איבער גילייענט דעם בריף איז ער חלשות געבליבען. מען האט אים קאם אויף געמינטערט עס איז געווארען אגרוס געוויין מיט אגרויסע קלאג. נאר עס איז דאך אבער גיווען מענטשין אויף דעם ברית זייא האבען ר' שמואלין גיטרייסט. עס האט אבער ניט גיהאלפען זייער טרייסטען ווארום ער האט זיך נעביך גיוואוסט וויא אזוי זיין כוף וועט נאך זיין פיל ערגער.

הכלל וויא עס איז גיקומען נאך דעם ברית. האט מען גידארפט פארין קיין לייפסיג נאך סחורה. האט אונזער ר' שמואל גינומען וויא פיל געלט ער האט נאך גיהאט. אונ איז גיפארין קיין לייפסיג ער האט זיך זייער שיין גיזעגינט מיט זיין ווייב שרעלע אונ מיט דעם קינד אונ איז זיך בשלום אוועק גיפארין קיין לייפסיג. ער איז אזו אוועק גיפארין עטליכע טעג זייער גליקליך ויהי ביום השלישי וויא עס איז גיקומען דעם דריטען טאג האט זיך דער הימעל זייער פאר חמארעט אונ עס האט אן גיהובען זייער שטארק צו דונערין אונ צו בליצען עס איז אזו געווארען פינצטער מען האט ניט גיזעהען וויא צו פארין ר' שמואל מיט דעם בע"ג האבען זיך זייער דער שראקען. אבער וואס העלפט דיא שרעק עס איז פאר פאלין מען מוז פארען. הכלל זייא זענען אזו אפ גפארן ערך פון דריי אדער פיר שעה ביז זיי זענען אריין גיפארע' אין איין גידיכטען וואלד אונ זענען געבליבען שטיין עס איז שוין ניטא קיין שום שטעג זענען זייא געבליבען שטיין אויף דעם ארט לעבין איין בוים וויא עס איז נאר וואס ליכטיג געווארען די המארע איז אראפ פון דעם הימל איז צו גיגאנגען איין רויבער אונ האט גינומען ר' שמואל מיט דעם בע"ג מיט דיא פערד אונ האט זיי צו גיפירט צו זיין איייר וואס ער הט גיוואוינט דארט. אזו האט ער תיכף גיהרגת דעם בע"ג אונ ביא ר' שמואל הט ער תיכף צו גינומען דאס גאנצע געלט וואס ער הט גיהאט אונ הט אים גיוואלט הרגנן הט ער אן גיהובען זייער וויינען אונ צו בעטין זיך ביא אים הכלל דער גזלן הט אויף אים רחמנות גיקריגען אונ הט אים גישענקט זיין לעבין נאר באופן ער זאל זיין ביי אים איין משרת. הכלל ר' שמו..ל מיט דעם גזלן האבען זיך גיזעצט עסין איר קא.ט פר שטיין מיט ווס פאר איין פר ביטערט הארץ אונזער ר' שמואל איז נעביך גיזעסין אונ האט גיגעסין מיט דעם רובר נאר וואס קאן ער דא בעסער מאכען כה דעבד רחמנא לטב עבד ווי זיי האבען דא אפ גיגעסין איז זיך דער גזלן אוועק גיגאנגען אונ ר' שמואל איז גיבליבען איינער אליין אין דער היל. ר' שמואל הייבט אן צו זוכען איין ארט ערגיץ ער זאל קענען ארוס פון

דער

דֶער הֵייל . עֶס אִיז אָבֶּער גָאר אוּם זוּנְסְט זַיין זוּכֶען . עֶר הָט זִיךְ זֵייעֶר גוּט אוּם גִיוָוײנְט פַר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִיט גִינוּג וָוס אִיךְ בִּין אַזוֹ גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָן גִיוָוארִין מַיין גֶעלְט אוּנ מַיין לִיבּ .קִינְד וֶועה אִיךְ אוֹיךְ נִיט פַאר מַיינֶע אוֹיגִין . אַזוֹ אִיז עֶר גִיוֶוען אִין דֶער הֵייל אֵיין עֶרֶךְ פוּן אֵיין הַאלְבּ יָאר וֶוען דֶער רוֹבֶּער פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אִין דֶער הֵייל פְלֶעגְט עֶר אִים בַּאדִינֶען אוּנ גֶעבִּין אִים צוּ עֶסִין נָאךְ דֶעם עֶסִין פְלֶעגְט דֶער רוֹבֶּער אַוֶועק גֵיין אַהֵיים .

וַיְהִי כִּי אָרְכוּ הַיָמִים וויא עֶס אִיז גִיקוּמֶען אִין אַיין צַייט אַרוּם הָאט זִיךְ ר׳ שְׁמוּאֵל אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ בַּאדוֹירֶען זַיין וַוייבּ שָׂרֶעלֶען מִיט זַיין קִינְד הָאט עֶר גֶעבִּיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גִיהוֹבֶּען צוּ וֵויינֶען אוּנ קְלָאגִין מִיט יָאמִירְלִיךְ גִיוַויין בִּיז עֶר אִיז גֶעבִּיךְ אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען אַזוֹ אִיז אִים גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם זַיין עֶלְטֶער זֵיידֶע וָואס עֶר הָאט אִים פְרִיעֶר גִיזֶעהֶן (אַזוֹ וִויא אוֹבֶען שְׁטֵייט) פְרֶעגְט עֶר אִים וַוייטֶער מַיין .קִינְד וָואס ווײנְסְטוּ אַצוּנְד . עֶר עֶנְטְפֶערְט אִים זֵיידֶע פַאר וָואס זָאל אִיךְ נִיט וֵויינֶען אַז מַיין עַשִׁירוֹת הָאבּ אִיךְ שׁוֹן אָן גִיוָוארִין אוּנ מַיין .קִינְד זֶעה אִיךְ נִיט אוּנ דֶער צוּ בִּין אִיךְ נָאךְ אַצוּנְד אִין אַזוֹ אַיין עֵת צָרָה .רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים דֶער זֵיידֶע זָארְג נִיט מַיין .קִינְד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפִין מִיט עַשִׁירוֹת אוּנ זָאלְסְט וִויסֶען אַז אי״ה אִין אַיין גִיוֶוער צַייט וֶועסְטוּ גִיהָאלְפִין וֶוערִין פוּן דֶעם רוֹבֶּער . דֶער ווייל אִיז דֶער רוֹבֶּער גִיקוּמֶען אִין דֶער הֵייל הָאט זִיךְ ר׳ שְׁמוּאֵל אוּף גִיהַאפְּט . דֶער רוֹבֶּער שְׁרַייט אוּף ר׳ שְׁמוּאֵל פַאר וָואס עֶר הָאט נִיט פַארְטִיג גִימַאכְט דָאס עֶסִין . אָבֶּער ר׳ שְׁמוּאֵל שְׁוַוייגְט גֶעבִּיךְ עֶר לוֹפְט גִישְׁווינְד אוּנ הָט אָפּ גִיקָאכְט דָאס עֶסִין אוּנ דֶר לַאנְגְט דֶעם רוֹיבֶּער דָאס עֶסִין . ווי דֶער רוֹיבֶּער הָאט גִינוּמֶען עֶסִין פְלֵייש הָט עֶר אַרַיין גִיהַאפְּט אַיין גְרוֹסֶען בֵּיין אוּנ אִיז דֶער וָוארְגֶען גִיוָוארֶען . דִיא שִׂמְחָה וָואס אוּף ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוָוארֶען אַז עֶר הָט גִיזֶעהְן דֶער רוֹיבֶּער לִיגְט שׁוֹין טוֹיט . קֶען מֶען שׁוֹין אַלֵיין פַר שְׁטֵיין . הַכְּלַל ר׳ שְׁמוּאֵל הָט אָן גִיהוֹבֶּען גֵיין פוּן אֵיין חֶדֶר אִין דֶעם אַנְדֶערִין עֶר הָט זִיךְ צוּ נוֹיף גִינוּמֶען אַשְׁיין בִּיסֶעל גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ בַּארִילַאנְטֶען אוּנ דִימַאנְטֶען אוּנ אִיז זִיךְ בְּשָׁלוֹם אַוֶועק פוּן דֶער הֵייל מִיט גְרוֹיס עֲשִׁירוֹת וויא ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז אַרוֹיס גִינַאנְגֶען פוּן דֶער הֵייל . הָט עֶר אָן גִיהוֹבֶּען גֵיין גְלַייךְ מִיט אֵיין שְׁטֶעשְׁקִי עֶר אִיז אַזוֹ אַוֶועק גִינַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט עֶטְלִיכֶע נֶעכְט בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין זֵייעֶר אַיין פַיינֶע שְׁטָאט עֶר אִיז זִיךְ גְלַייךְ אַרַיין גִינַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרַיין . הָט עֶר זִיךְ בַּאלְד גִינוּמֶען אַיין סֵפֶר אוּנ הָט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶערְנֶען (יִשְׂרָאֵל בְּנֵי רַחֲמָנִים) יוּדִין הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד רַחֲמָנוּת אֵיינֶער רוּפְט אִים אוּף אֵיין אִיבֶּער בַּיים אוּנ אֵיינֶער רוּפְט אִים אוֹיף אֵיין מִיטֶעגְם . אַזוֹ הָט זִיךְ פַאסִירְט מִיט ר׳ שְׁמוּאֵל דִי גַאנְצֶע וָואךְ

וויא

וְויא עֶר אִיז גִיקוּמֶען פְרַייטָאג הָט דֶער שַׁמָשׁ אַװֶעק גִיפִירְט ר׳ שְׁמוּאֵלִין צוּ אַיין גְרוֹסֶען עוֹשֶׁר עֶר זָאל בַּיי אִים עֶסִין פְרַייטָאג מִיט שַׁבָּת דֶר עוֹשֶׁר הָט אַנְטְקֶעגֶען גֶענוּמֶען ר׳ שְׁמוּאֵלִין מִיט גְרוֹס כָּבוֹד אַזוֹ וְוי אַיין אוֹרַח הָגוּן קוּמְט וְוי עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם עֶסִין אִיז ר׳ שְׁמוּאֵל זִיךְ גִיגַאנְגֶען וַואשֶׁען הָאט עֶר אַנִידֶער גִילֵייגְט זַיין זֶעקִיל מִיט דִי בְּרִילַאנְטֶען אוּנ מִיט דִי דִימַאנְטֶען לֶעבִּין זִיךְ. הָאט דֶער עוֹשֶׁר אַטַאפּ גִיטָאן אִין דֶעם זֶעקִיל עֶר זֶעהְט עֶס אִיז עֶפִּיס דָא סְחוֹרָה עֶר מַאכְט זִיךְ גָאר נִיט ווִיסִינְדִיג. ר׳ שְׁמוּאֵל הָט זִיךְ גִיוַואשִׁין אוּנ דֶער עוֹשֶׁר אוֹיךְ זֵיי הָאבֶּן אָפּ גִיגֶעסִין. אחי״כ זָאגְט דֶער עוֹשֶׁר נָא ר׳ שְׁמוּאֵל לָאמִיר גֵיין אִין מֶרְחָץ לִכְבוֹד שַׁבָּת ר׳ שְׁמוּאֵל עֶנְטְפֶערְט אִיךְ קָאן נִיט גֵיין. דֶער עוֹשֶׁר פְרֶעגְט אִים פַר וָוס עֶר עֶנְטְפֶערְט אִיךְ מוּז אַכְטִינְג גֶעבִּין אוֹיף מַיין זֶעקִיל. דֶר עוֹשֶׁר פְרֶעגְט אִים וָוס לִיגְט דֶען דָארְט. עֶר עֶנְטְפֶערְט אִים עֶס לִיגְט דָארְט מַיין טַלִית וּתְפִילִין מִיט אַ צְוֵויי הֶעמְדֶער אִין עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען מִינְץ וָוארוּם ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ גִיקְלֶערְט עֶר וֶועט מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַװֶעק פָארִין אַהֵיים רוּפְט זִיךְ אָן דֶר עוֹשֶׁר לֵייגְט דָס אַנִידֶער בַּיי מִיר אִין סְפַּאלְנִיע עֶס וֶועט חָלִילָה קֵיינֶער נִיט נֶעמֶען. הַכְּלַל ר׳ שְׁמוּאֵל הָט דֶעם עוֹשֶׁר נִיט גִיקָאנְט פַר זָאגִין עֶר הָאט דָס אַנִידֶער גִילֵייגְט בַּיי דֶעם עוֹשֶׁר אִין סְפַּאלְנִיע. זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען בֵּיידֶע אִין מֶרְחָץ דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵייא בֵּיידֶע גִיגַאנְגֶען דַאוֶונֶען זֵיי זֶענִין גִיקוּמֶען פוּן דֶעם שׁוּל זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בַּיי דֶעם עֶסִין דֶער עוֹשֶׁר בֶּעט אִים זֵייעֶר עֶסְט. רַבִּי שְׁמוּאֵל הָאט נִיט קֵיין יְסוּרִים אַייעֶר זֶעקִיל וֶועט חָלִילָה קֵיינֶער נִיט אַװֶעק גַנְבֶנֶען. וְוי מֶען הָט דָארְט עֶרְגִיץ אוּם גִיבֶּעט אַגִילֶעגִיר פַר רַבִּי שְׁמוּאֵלִין אוּנ עֶר אִיז גֶעבִּיךְ זֵייעֶר גִישְׁמַאק אַנְטְשְׁלָאפֶען גִיוָוארֶן וְוי עֶס אִיז גִיקוּמֶען בַּיי נַאכְט הָט דֶר עוֹשֶׁר צוּ גִירוּפֶן זַיין וַוייבּ אוּנ זֵיי הָאבֶּען גִיעֶפִינְט דֶעם זֶעקִיל רַבִּי שְׁמוּאֵלְס זֵיי טוּעֶן אַקוּק עֶס אִיז דָא זֵייעֶר פִיל גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ בְּרִילַיאנְטֶען אוּנ דִימֶענְטִין עֶס בַּאטְרֶעפְט דְרַיי מָאל אַזוֹ פִיל וְויא פִיל זֵייא פַאר מָאגִין:

הַכְּלַל גֶעלְט אִיז זִיךְ אַיְיצֶר הָרָע דֶעם עוֹשְׁרְס וַוייבּ פְרֶעגְט דֶעם עוֹשֶׁר וָואס הָאט עֶר דִיר גִיזָאגְט לִיגְט דָא אוּנ זֶעקִיל עֶר עֶנְפֶערְט אִיר. דֶער אָרוּמַאן הָאט מִיר גִיזָאגְט עֶס לִיגְט אַיין אַלְטֶע קַאפִּיטֶע מִיט צְוֵויי הֶעמְדֶער מִיט אַיין טַלִית וּתְפִילִין מִיט אַ פָּאר גְרָאשִׁין. דֶער עוֹשֶׁר מִיט דֶעם וַוייבּ הָאבֶּען אַרוֹס גִינוּמֶען דָס גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ דִי בְּרִלַאנְטֶן מִיט דִיא דִימֶענְטִין אוּנ זֵיי הָאבֶּען אַרַיין גִילֵייגְט אַיין אַלְטֶען סֶערְדִיט מִיט צְוֵויי הֶעמְדֶער מִיט צְוֵויי גִילְדִין אֵיינְצִיגֶע גְרָאשֶׁען אַזוֹ וְוי דֶער רַבִּי שְׁמוּאֵל הָט גִיזָאגְט פַר דֶעם עוֹשֶׁר. אוּנ זֵיי הָאבֶּען פַר בִּיטֶען דָס זֶעקִיל אַזוֹ וְוי פְרִיעֶר אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפֶען מִיט גְרוֹס פַר גִינוּגִין. וַיְהִי עֶרֶב

ויהי

ויהי בוקר . עס איז טאג געווארין רבי שמואל איז זיך באלד געגאנגען אין שול אריין אונ האט זיך געזעצט לערנען והגיע עת התפלה עס איז געקומען די צייט פון דאווענען איז דער עושר מיט דעם ווייב אויך געגאנגען דאווענען דער עושר נעמט ארויף רבי שמואל לעבין זיך אובין אן אונ עס איז געקומען צום לייענען הייסט דער עושר רבי שמואלן אויף רופין אחר התפלה גייען זיי אהיים אונ מען זעצט זיך צום טיש עסין ביי דעם עסין דער עושר רוקט אים אלע מאל אונטער א געשמאק גרעזיל וויין ר' שמואל טרינקט אונ איז זייער לוסטיג ביי זיך ערשטינס וואס השי״ת האט אים געהאלפען ער האט שון אזון צו מזל אין דער היים אונ עשירות וועט ער שון אויך האבין ער קלערט גאר ניט אז השי״ת הייסט מען זאל זיין א קבצן העלפט גאר קיין שום זאך ניט . הכלל דער עושר האט אים אן געטרונקען מיט זייער פיל וויין ביז ער איז אנטשלאפען געווארען ביי דעם טיש זייער געשמאק. דער עושר מיט דעם ווייב גייען ווידער אריין אין כפאלניע אונ באטראכטען די בארליאנטען מיט די דימענטען זייא פרייען זיך זייער מיט דער מציאה . וואס דען זאגין זייא איין ארומאן דארף דאס ער וועט דאס נאך ערגיץ פר שיכערין .

הכלל עס איז דער וייל נאכט געווארען רבי שמואל איז אויף געשטאנען עס איז שון שפעט אין דער נאכט זייא שטעלין זיך דאווענען מעריב רבי שמואל מאכט הבדלה אונ גייט זיך אריין צו דעם עושר געזעגינען דער עושר נעמט ארויס א גילדין אונ שיינקט אים ער דאנקט אים דער פאר אונ וויל ביי אים ניט נעמען דעם גילדין אונ זאגט ;ים בעל הבית לעבין עפינט מיר דיא ספאלניע איך וועל מיר נעמען מיין זעקיל איך וועל אייך שענקין איין מתנה פאר דעם שבת וואס איך האב געגעסין ביי אייך ער גייט אריין אין ספאלניע רבי שמואל עפינט אויף דאס זעקיל ער בלייבט חלשות דער עושר מיט דעם ווייב פרעגין אים אפשר גייט אייך אפ עפים א קאפאטע אדער א העמד איך וועל אייך געבען אבעסערס וויא אייערס. ער חלישות ווייטער הכלל מען האט אים קאם דער מינטערט . האט ער נעביך זייער אן געהובען צו וויינען אונ שרייען מיט איין יאמירליך געוויין עס האט אים אבער גאר ניט געהאלפין דער עושר האט אים געהייסין ביי נאכט ארויס טרייבען פון דער שטאט . ווארום דער עושר האט פאר יעדען דער ציילט אז ער האט א ידער געלייגט א זעקיל מיט אסערדיט מיט צוויי העמדער מיט א טלית ותפילין . היינט שרייט ער אז עס איז געלעגין בארליאנטען מיט דימאנטען א״ז ער דאך איין אמתר גנב ע״כ האט אימליכער געזאגט אז דער עושר איז גירעכט מען האט אים ביי נאכט ארויס געטריבען פון דער שטאט אטייל מענטשין האבען אים נעביך נאך גוט אן געשלאגין .

הכלל

הַכְּלַל מֶען קֶען שוין פַר שְׁטֵיין מִיט וָואס פַאר אַ שְׁמֶערְץ ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז אַוֶּועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם שְׁטֶעטִיל. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ נֶעבִּיךְ גִיגֶעכְטִיגְט דִי נַאכְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט בִּיז עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארֶען וִוי עֶס אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶער פְּרִיא זֶענִין אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע אָרוּמֶע לַייט וִוי ר׳ שְׁמוּאֵל הָט זֵיי דֶער זֶעהְן אִיז עֶר צוּ גִיגַאנְגֶען צוּ זֵייא אוּנ הָאט זֵייא גִיבֶּעטִין זֵיי זָאלִין אִים מִיט נֶעמֶען אִין קָאמְפַּאנִיֶע אַזוֹ אִיז גִיוֶוען זֵייא הָאבֶּען אִים צוּ גִינוּמֶען צוּ זֵייא אִין דֶער קָאמְפַּאנִיֶע אוּנ עֶר אִיז מִיט זֵיי מִיט גֶעגַאנְגֶען.

אַצוּנְד לָאמִיר אִים דָא לָאזִין זִיךְ אַבִּיסִיל דוּרְךְ גֵיין מִיט דִיא אָרוּמֶע לַייט אוּנ מִיר וֶועלִין אָן הֵייבִּין שְׁמוּעֶסִין פוּן זַיין וַוייבּ שָׂרָה דִיא צְנוּעָה מִיט זַיין אֵיינְצִיגִין זוּן וִויא אַזוֹ עֶס הָאט זִיךְ מִיט זֵיי גִיפַּאסִירְט. גִידֵיינְק וָואס מִיר הָאבֶּען אוֹבֶּען גִישְׁמוּסְט אַז תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם בְּרִית אִיז ר׳ שְׁמוּאֵל אַוֶּועק גִיפָארִין מִיט דֶעם גַאנְצֶען גֶעלְט קֵיין לַייפְּסִיג. אוּנ אוּנְזֶער שָׂרֶעלֶע הָט תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם בְּרִית אָן גִיהוֹבֶּען אַרַיין גֵיין אִין דִיא גִיוֶועלְבֶּער אַרַיין אוּנ פִירִין דָם גִישֶׁעפְט אוּנ וִויא עֶס אִיז אַוֶּועק גִיגַאנְגֶען אַיין קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען בַּאפַאלִין רוֹיבֶּער אוֹיף דֶער שְׁטָאט אוּנ הָאבֶּען אַוֶּועק גִירַאבֶּעוֶועט דִיא אַלֶע גִיוֶועלְבֶּער וָואס שָׂרֶעלֶע הָאט גִיהַאט זִיא אִיז נֶעבֶּעךְ קָאם אַנְטְלָאפֶּען מִיט דֶעם קִינְד וִויא זִיא אִיז נֶעבִּיךְ זֵייעֶר מִיד גֶעוָוארֶען הָאט זִיא זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף אַשְׁטֵיין אַבִּיסִיל אָפּ רוּהֶען. זִיא הֵייבְּט אָן קְלֶערִין וִויא קָאן אִיךְ נֶעמֶען אוֹיף דֶר הוֹצָאָה וָואלְט אִיךְ מִיר אַרַיין גִיפָארֶען אִין דֶעם שְׁטֶעטִיל אוּנ וֶועל וַוארְטֶען בִּיז מַיין מַאן וֶועט פָארֶען פוּן לַייפְּסִיג עֶרְשְׁטֶענְס וֶועל אִיךְ אִים מַצִיל זַיין מִיט דֶער כְּתִירָה אוּנ אַנְדֶערֶען וֶועלִין מִיר זִיךְ בַּקְלֶערִין עֶפִּים אַיין עֵצָה וִויא מִיר זָאלִין זִיךְ בַּזֶעצִין. אֶמֶת עֶס אִיז טַאקֶע אוֹיף אוּנְז נִגְזַר גֶעוָוארֶען אַז מִיר וֶועלִין הָאבִּין אַיין זוּן זָאלִין מִיר קוּמֶען אוֹיף כִּכַּר לֶחֶם אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ שׁוֹין דָם שְׁלִים מַזָל נָאר אֶפְשַׁר וֶועט אִין אוּנְז מְקוּיָם וֶוערִין מְשַׁנֶה מָקוֹם מְשַׁנֶה מַזָל. אַזוֹי אִיז זִיא גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיקְלֶערְט. דֶער וַוייל הָאט זִיא זִיךְ דֶער מַאנְט אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאךְ בַּיי מִיר אַ פָּאר אוֹרִינְגְלִיךְ דִימַאנְטֶענֶע אִיךְ וֶועל זֵייא אִין דֶעם שְׁטֶעטִיל פַאר קוֹיפֶען וֶועל אִיךְ דֶער וַוייל הָאבִּין אוֹיף דֶער הוֹצָאָה בִּיז מַיין מַאן וֶועט דָא אַדוּרְךְ פָארִין. זִיא הָאט זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט פוּן דֶעם שְׁטֵיין אוּנ גֶעמְט דָאס קִינְד אוֹיף דִי הֶענְט אוּנ גֵייט מִיט דֶעם קִינְד גְלַייךְ אִין דֶעם שְׁטֶעטִיל אַרַיין זִיא הָאט פַאר קוֹיפְט דִיא אוֹרִינְגְלִיךְ אוּנ אִיז דָארְט גִיזֶעסִין אִין דֶעם שְׁטֶעטִיל בִּיז זִיא הָאט דָאס גֶעלְט פוּן דִיא אוֹרִינְגְלִיךְ אוֹיף גִיגֶעסִין אוּנ אִיר מַאן הָארְכְט זִיא נִיט אוּנ זֶעהְט נִיט. הַכְּלַל זִיא הָאט פַאר קוֹיפְט פוּן זִיךְ אַלֶע מַלְבּוּשִׁים אוּנ הָאט אוֹיף

גיגעסין

גִיגֶעסְן דָאס גֶעלְט בִּיז זִיא הָאט שׁוֹין פַאר קוֹיפְט דֶעם לֶעצְטְן שְׁלָאפְרִיק פוּן זִיךְ זִיא הָאט זִיךְ אַיין גִירֶעט אִיר מַאן אִיז אַוַדְאַי גִיהַרְגֶת גִיוָוארְן עַל הַדֶּרֶךְ אוּנ מִיט אִיר אַלֵיין אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט זִיא זָאל אָן הֵייבֶּען גֵיין אִין דִי הַייזֶער דָאס קִינְד אִיז דֶער וַוייל אַלְט גֶעוָוארֶען דְרַייא יָאר אִיז זִיא גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין דֶער פְרֶעמְד פַאר אַיין דִינְסְט אוּנ דָאס קִינְד הָאט זִיא אַוֶועק גִיגֶעבִּין אִין אֵיין חֶדֶר. זִיא אִיז זִיךְ נֶעבִּיךְ גִיוֶועזְן אַיין דִינְסְט אוּנ דָאס קִינְד פְלֶעגְט גֵיין אַלֶע טָאג צוּ דֶער מוּטֶער: הַכְּלָל דָם קִינְד אִיז גִיוָוארֶען גָאר פַר לַייזְט וָוארוּם דִי מוּטֶער הָט זִיךְ קֵיין צַייט נִיט גִיהַאט אַכְטוּנְג גֶעבִּין אוֹיף אִים. הַכְּלָל דָם קִינְד הָט בַּאקוּמֶען אַיין אוּם רֵיינֶע קָאפּ אִיבֶּר דִיא אוֹגֶען אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין אִין קֵיין שׁוּם שְׁטוּבּ אַרַיין נֶעכְטִיגִין בִּיז צוּ לִיבּ אִים הָט מֶען דִי מוּטֶער אוֹיךְ נִיט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין אִין קֵיין שׁוּם שְׁטוּבּ. דִיא מוּטֶער הָט זִיךְ נֶעבִּיךְ זֵייעֶר גוּט אוֹיס גֶעוֵויינְט אוּנ הָאט גִינוּמֶען דָם קִינְד אוּנ אִיז מִיט אִים אַוֶועק פוּן דֶער שְׁטָאט אִין אֵיין אַנְדֶער שְׁטָאט בִּיז זִי אִיז גִיקוּמֶען מִיט אִים אִין אֵיין שְׁטָאט וָוס עֶס אִיז דָארְט גִיוֶועזְן אַיין יְשִׁיבָה. אַזוֹ אִיז שְׂרֶעלֶע אַרַיין גִינַאנְגֶען גְלַייךְ צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנ הָט אָן גִיהוֹיבֶּען פַר אִים צוּ וֵויינֶען אוּנ הָט אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִויא אַזוֹ עֶס הָט זִיךְ מִיט אִיר גִיפַּאסִירְט בִּיז זִי הָאט דֶער לֶעבְּט צוּ הָאבִּין דָם קִינְד. אוּנ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוֹיף אִיר רַחֲמָנוּת גִיקְרִיגֶען אוּנ הָט גִינוּמֶען צוּ זִיךְ דָם קִינְד אוּנ הָאט מִיט אִים אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ לֶערְנֶען. אוּנ אוּנְזֶער שְׂרֶעלֶע הָט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען זִי זָאל זִיךְ אַוֶועק לָאזִין מִיט אָרוּמֶע לַייט. אֶפְשַׁר וֶועט זִי עֶרְגִיץ אָפּ זוּכִין אִיר מַאן ר' שְׁמוּאֵלִין. אַזוֹ אִיז גִיוֶועזְן זִיא הָט דָם קִינְד אִיבֶּער גִילָאזְט בַּיי דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנ אַלֵיין אִיז זִי אַוֶועק מִיט דִי אָרוּמֶע לַייט זִי אִיז נֶעבִּיךְ גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְף צוּ דָארְף פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט עֶס הָט אַזוֹ גִידוֹיעֶרְט עֶטְלִיכֶע יָאר. בִּיז זִי אִיז אָן גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט וְוי דֶער עוֹשֶׁר הָט גִיוואוֹנְט וָואס עֶר הָט צוּ גִינוּמֶען בַּיי אִיר מַאן דָם גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער מִיט דִי בַּארְלַיאנְטֶען. אַזוֹ אִיז זִי גִיבְּלִיבֶּען אִין דֶער שְׁטָאט טָאמֶער וֶועט זִי אֶפְשַׁר גִיפִינֶען אִיר מַאן רַבִּי שְׁמוּאֵל.

וַיְהִי הַיּוֹם הָט זִיךְ גִימַאכְט אַ גְרוֹסֶע שְׂרֵיפָה אִין דֶער שְׁטָאט אַז דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פַר בְּרֶענְט גִיוָוארֶען אוּנ דֶער עוֹשֶׁר מִיט דֶעם וַוייבּ זֶענִין אוֹיךְ פַר בְּרֶענְט גִיוָוארֶען אַזוֹ אִיז דֶער שְׂרֶעלֶען נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארֶען זִי וֵוייסְט שׁוֹין כְּלָל נִיט וְוי הִין צוּ גֵיין. הַכְּלָל זִי הָט נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ וֵויינֶען בִּיז זִיא אִיז אַנְטְשְׁלָאפֶען גִיוָוארֶען אַזוֹ אִיז אִיר גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם ר' שְׁמוּאֵלְס זֵיידֶע. אוּנ זָאגְט אִיר מַיין לִיבּ קִינְד וֵויין נִיט אוּנ זָארְג נִיט גֵיי גְלַייךְ צוּ דֶעם אָרְט וְוי

דער

דֶער עוֹשֶׁר הָט גִיוואוּנְט דָארְט וֶועסְטוּ גִיפִינֶען אַ זֶעקִיל מִיט גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ בַּארְלַיאנְטֶען אוּנ דִימַאנְטֶען וָואס דֶער עוֹשֶׁר הָט צוּ גִינוּמֶען בַּיי דַיין מַאן אוּנ זָאלְסְט דָאס נֶעמֶען צוּ זִיךְ אוּנ זָאלְסְט פוּן דַאנֶען גֵיין אִין יֶענֶער שְׁטָאט דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפִין דַיין מַאן ר׳ שְׁמוּאֵל נָאר זָאלְסְט וִויסֶען וִוי אַזוֹ זִיךְ צוּ בַּאגֵיין . אוּנ דֶער נָאךְ זָאלְט אִיר נֶעמֶען אַייעֶר קִינְד פוּן דֶער יְשִׁיבָה אוּנ אִים דִינְגֶען אַ מְלַמֵד זָאל מִיט אִים לֶערְנֶען אִין דֶער הֵיים . וָוארוּם עֶס אִיז שׁוֹין גִיקוּמֶען אַייעֶר צַייט אִיר זָאלְט אוֹיף גִירֶעכְט וֶוערִין מִיט אַלֶעם גוּטֶען . שָׂרֶעלֶע הַאפְּט זִיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹס שִׂמְחָה זִי לוֹיפְט בַּאלְד אוֹיף דֶעם אָרְט וִוי דֶער עוֹשֶׁר הָט גִיוואוֹנְט זִי הֵייבְּט אָן צוּ זוּכֶען זִי הָט אַזוֹ לַאנְג גִיזוּכְט בִּיז הַשֵׁי״ת הָט גִיהָאלְפֶען . זִי הָט גִיפוּנֶען אַזֶעקִיל זִי עֶפִינְט דָם אוֹיף עֶס לִיגְט דָארְט זֵייעֶר פִיל בַּארְלַיאנְטֶען אוּנ דִימַאנְטֶען אוּנ זֵייעֶר פִיל גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער . הַכְּלָל זִי הָט דָם גִינוּמֶען מִיט גְרוֹס שִׂמְחָה אוּנ אִיז דֶער מִיט גְלַייךְ אַוֶועק אִין דֶער שְׁטָאט וִוי דֶער זֵיידֶע הָט אִיר גִיזָאגְט וִוי זִי אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט הָט זִי בַּאלְד פַר קוֹיפְט אַבִּיסִיל גָאלְד אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין סְטַאנְצִיֶע אוּנ הָט זִיךְ גִימֶעלְדִירְט אַז זִי אִיז אַ גְרוֹסֶע סוֹחֶרְטֶע . וִוי דִי אָרוּמֶע לַייט הָאבֶּען דֶער הֶערְט אַ גְרוֹסֶע סוֹחֶרְטֶע אִיז גִיקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי אָן גִיהוֹבֶּען גֵיין צוּ אִיר נָאךְ נְדָבוֹת (וְהוּא בְּתוֹךְ הַבָּאִים) אוּנְזֶער ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז אוֹיךְ גִיקוּמֶען נָאךְ אַיין נְדָבָה זִי גִיט אִים אַיין נְדָבָה . אוּנ הָט אִים נָאךְ נִיט דֶער קֶענְט . זִי פְרֶעגְט אִים עֶס אִיז נָאךְ דָא אָרוּמֶע לַייט הָט מֶען אִיר גִיזָאגְט עֶס אִיז שׁוֹין מֶער נִיטָא קֵיין אָרוּמֶע לַייט . זִי קְלֶערְט זִיךְ מִן הַסְתָּם אַז דֶער זֵיידֶע הָט גְזָאגְט אַז עֶר אִיז דָא . אִיז עֶר אַוַודַאי דָא ; ע״כ הָט זִי גִיגֶעבִּין אַיין בַּפֶעל צוּם שַׁמָשׁ פוּן דֶער שְׁטָאט עֶר זָאל אִיר בְּרֵיינְגֶען אַיין צֶעטִיל פוּן אַלֶע אָרוּמֶע לַייט פוּן דֶער שְׁטָאט . זִי הָאט אִים דֶער פַר גִיגֶעבִּין אַיין דוּקַאטֶען אוּנ עֶר הָט אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען אַלֶע אָרוּמֶע לַייט פוּן דֶר שְׁטָאט אוּנ הָט אִיר גִיבְּרֵיינְגְט דָם צֶעטִיל . זִי לֵייעֶנְט אִיבֶּר דָם צֶעטִיל ר׳ שְׁמוּאֵל אִיר מַאן שְׁטֵייט אוֹךְ אִין צֶעטִיל .

הַכְּלָל זִי הָט גֶעמַאכְט אַיין סְעוּדָה פַר דִי אָרוּמֶע לַייט וֶוענִין אוּנ ר׳ שְׁמוּאֵלִין הָט זִי אוֹיךְ גִיהֵייסֶען בֶּעטִין אוֹיף דֶער סְעוּדָה דִי אָרוּמֶע לַייט הָאבֶּען גִיגֶעסִין אוֹיף דֶער סְעוּדָה אוּנ הָאבֶּען גִיטְרוּנְקֶען זֵייעֶר גִינוּג וַויין נָאךְ דֶער סְעוּדָה הָט שָׂרֶעלֶע אַלֵיין גִיטֵיילְט יֶעדֶען אָרוּמַאן אַ נְדָבָה . דִי אָרוּמֶע לַייט דַאנְקִין אִיר זֵייעֶר שֵׁיין . וִוי עֶס אִיז גִיקוּמֶען צוּם סוֹף אִיז צוּ גֶעגַאנְגֶען ר׳ שְׁמוּאֵל צוּ אִיר נָאךְ אַיין נְדָבָה אַזוֹ הָט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען אַיין דוּקַאטֶען אוּנ הָט אִים גִיגֶעבִּין עֶר דַאנְקְט אִיר אוֹיךְ זֵייעֶר שֵׁיין . אוּנ וִויל נָאר וָוס אַוֶועק גֵיין זָאגְט זִי צוּ אִים וָוס

מאכט

מַאכְט אִיר רַבִּי שְׁמוּאֵל אֵיידִיל מַאן אונ וָוס מַאכְט אַייֶער וַוייבּ שָׂרֶעלֶע .
וִוי עֶר הָט דָס דֶער הֶערְט הָט עֶר אָן גִיהוֹבֶּען צוּ וַויינֶען אונ אִיז
חַלָשׁוּת גֶעבְּלִיבֶּען וִוי זִי הָט דֶער זֶעהְן אַז עֶר וֵויינְט זַייעֶר אונ חַלִּישׁוּת
זַייעֶר הָט זִי אִים אַרַיין גִינוּמֶען צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר אַרַיין אונ הָט אִים
אוּם גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז דַיין וַוייבּ שָׂרֶעלֶע זֶענֶען זֵיי זִיךְ גִיפַאלְין אוֹף
דֶעם הַאלְז אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אונ הָאבֶּען זַייעֶר גִיוֵויינְט פַּר גְרוֹס
פְרֵייד זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אֵיינְס דֶעם אַנְדֶערֶען דֶער צֵיילְט וִוי אַזוֹ עֶס
הָט זִיךְ גִיפַּאסִירְט מִיט זֵיי בִּיז אַהֶער רַבִּי שְׁמוּאֵל הָט זִיךְ תֵּיכֶף
גִיקוֹיפְט מַלְבּוּשִׁים אַזוֹ וִוי אִים שְׁטֵייט אָן אונ זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע תֵּיכֶף
גִיפָארֶען אִין דֶער שְׁטָאט וִוי דֶער ראש יְשִׁיבָה הָט גִיוואוֹנְט וָוס
זַייעֶר זוּן הָט גִילֶערִינְט בַּיי אִים אונ זֵיי הָאבֶּען אִים גִיגֶעבִּין אַ גְרוֹסֶע
מַתָּנָה אונ הָאבֶּן זַייעֶר שֵׁיין בַּאקְלֵיידֶעט דָס קִינְד אונ הָאבֶּען אִים
גִינוּמֶען צוּ זִיךְ אונ זֵיי זֶענְן מִיט אִים גִיפָארֶען גְלַייךְ קֵיין אַמְסְטֶערְדַאם
וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען מִיט אִים קֵיין אַמְסְטֶערְדַאם הָאבֶּען זֵיי תֵּיכֶף
יִדוּנְגֶען גְרוֹסֶע גִיוֶועלְבֶּער אונ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָט זֵיי גִיהָאלְפֶען .
עֶס הָט זֵיי אָן גִיהוֹבֶּען גֵיין דִי גִישֶׁעפְטֶען מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה אונ רַבִּי
שְׁמוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוָוארֶען נָאךְ גְרֶעסֶערֶע בַּעַל צְדָקָה
עֶבֶּערְם וִוי פְרִיֶער אונ דָס קִינְד הָט גִיקָאנְט לֶערְנֶען אַז עֶר אִיז
יוֶועֶן אַיין חָרִיף וּבָקִי אִין גַאנְץ תּוֹרָה אונ פָּסוּק אונ ש"ס אונ
אַלֶע מְפָרְשִׁים אונ אִיז גִיוֶועֶן קְלוּג אוֹיךְ עֶר אִיז גִיוֶועֶן אַמוּשְׁלָם מִיט
אַלֶע מַעֲלוֹת אונ וִוי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָט גִיהָאלְפֶען עֶס אִיז גִיקוּמֶען דֶעם
טָאג וָוס דָס קִינְד הָט גִידַארְפְט וֶוערִין בַּר מִצְוָה הָט מֶען גֶעמַאכְט
וֵייעֶר אַגְרוֹסֶע סְעוּדָה אונ מֶען הָט גִיטֵיילְט אָרוּמֶע לַייט זַייעֶר פִיל
צְדָקָה אונ רַבִּי שְׁמוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ הָאבֶּען זִיךְ זַייעֶר גִיפְרֵייט אונ
דָס קִינְד הָט גִיזָאגְט זַייעֶר אַשֵׁיינֶע דְרָשָׁה נָאךְ דֶער בַּר מִצְוָה דָס
קִינְד הָט זִיךְ וִוידֶער גִיזֶעצְט לֶערְנֶען אונ אִיז גִיזֶעסִין יוֹמָם וָלַיְלָה עַל
הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה אונ ר' שְׁמוּאֵל אִיז תֵּיכֶף גִיפָארִין קֵיין לַייפְּסִיג
אונ הָאט גִיקוֹיפְט זַייעֶר פִיל סְחוֹרָה אונ אִיז בְּשָׁלוֹם גִיקוּמֶען אַהֵיים
מִיט דֶער סְחוֹרָה אונ עֶס הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען גֵיין מִיט גְרוֹס הַצְלָחָה .
הָאבֶּען אָן גֶעהוֹבֶּען שַׁדְכָנִים צוּ רֶעדִין אַשִׁידוּךְ פַּר דֶעם קִינְד
וֶוענִין אִיז רַבִּי שְׁמוּאֵל אַלֶץ נִיט גִיפֶעלִין קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ עֶס אִיז
אַזוֹ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אַלַאנְגֶע צַייט בִּיז רַבִּי שְׁמוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ
הָאבֶּען זִיךְ בַּאקְלֶערְט וָואס וֶועט זַיין דֶער סוֹף מֶען מוּז זִיךְ פָארְט
עֶפֶּעס זֶעהֶען בַּאטְרַאכְטִין מִיר זֶענִין שׁוֹן נִיט קֵיין יוּנְגֶע לַייט אֵייבִּי
וֶועלִין מִיר נִיט לֶעבִּין אונ דָאס קִינְד וֵוייסְט מֶער נִיט נָאר זִיצְן
אונ לֶערְנֶען מֶען מוּז דָאךְ אִים עֶפֶּעס אָן הֵייבֶּען צוּ וַוייזֶען עֶר זָאל

וֶוערֶען

וָוערִין גִינִיט וִויא אַזוֹ צוּ פִירִין אַ גִישֶׁעפְט. אַזוֹ הָאבֶּען זַייא גִיבֶּעטִין דָם קִינְד עֶר זָאל אַרַיין גֵיין אַלֶע טָאג צְווַיי שָׁעָה אִין טָאג זָאל עֶר אַרַיין גֵיין אִין גִיוָועלְבּ בִּכְדֵי עֶר זָאל גִינִיט וָוערִין וִויא אַזוֹ צוּ פִירִין דָאס גִישֶׁעפְט. דָאס קִינְד הָאט אַזוֹ גִיטָאן עֶר פְלֶעגְט אַרַיין אַלֶע טָאג צְווַיי שָׁעָה אִין גִיוָועלְבּ אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּ פִירֶען דִיא בִּיכֶער בִּיז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט גֶעהָאלְפֶען עֶס אִיז אַוֶועק גִינַאנְגֶען אַ קוּרְצֶע צַייט דָאס קִינְד הָאט שׁוֹן גֶעקָאנְט פִירֶען דִיא גְרֶעסְטֶע גִישֶׁעפְטִין דֶער פָאטֶער הָאט אִים שׁוֹין אַ פָּאר מָאל מִיט גִינוּמֶען קַיין לַייפְּצִיג נָאךְ סְחוֹרָה.

וַיְהִי הַיּוֹם הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז רַבִּי שְׁמוּאֵל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין לַייפְּצִיג מִיט דֶעם קִינְד אַזוֹ אִיז דָאס קִינְד זַייעֶר גִיפֶעלִין דֶעם סוֹחֵר וָואס רַבִּי שְׁמוּאֵל הָאט מִיט אִים גֶעהַאנְדֶעלְט. אַזוֹ הָאט דֶער סוֹחֵר גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי שְׁמוּאֵלִין אַז עֶר הָאט אַיין בַּת יְחִידָה אוּנ עֶר וִויל מִיט אִים אַיין שִׁידוּךְ טָאן אַזוֹ הָאבֶּען זַייא בַּאלְד גֶעמַאכְט תְּנָאִים אוּנ רַבִּי שְׁמוּאֵל הָאט גֶעלָאזְט דֶער כַּלָּה זַייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה אוּנ יֶענֶער מְחוּתָּן הָאט דֶעם חָתָן אוֹיךְ גִיגֶעבִּין זַייעֶר אַ פַיינֶע מַתָּנָה. אִין אַיין צַייט אַרוּם הָאט מֶען גֶעמַאכְט זַייעֶר אַ פְּרֵייליכֶע חֲתוּנָה נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען זִיךְ דִיא קִינְדֶער גֶעמַאכְט אַיין הַאנְדִילְס גִישֶׁעפְט אוּנ עֶס אִיז זַייא זַייעֶר גִינַאנְגֶען מִיט גְרוֹס הַצְלָחָה. אוּנ רַבִּי שְׁמוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ שָׂרֶעלֶע דִיא צְנוּעָה הָאבֶּען זִיךְ זַייעֶר גֶעפְרֵייט אוּנ פִיל נַחַת גֶעהַאט פוּן דֶעם פָּאר פָּאלְק זַייא הָאבֶּען זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ זֶעהְן בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה עֶס אִיז גִיוֶוען תּוֹרָה וּגְדוּלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד בֵּן יְזַכֵּנוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל אוּנְז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוֹיךְ הֶעלְפֶען מִיר זָאלִין הָאבֶּען קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס קִינְדֶער אוּנ זָאל אוּנְז שִׁיקֶען דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

אַצוּנְד זֶעהְט מַיין לִיבֶּער פְרֵיינְד וִויא גְרוֹיס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן צְדָקָה. דֶער פַּאר וָואס אוּנְזֶער שָׂרֶעלֶע רַבִּי שְׁמוּאֵלְס וַוייבּ אִיז גִיוֶוען אַ צְנוּעָה אוּנ אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל צְדָקָה גִיוֶוערִין הָאט זִיא זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ הָאבִּין אַזוֹן חָאטְשֶׁע עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארֶען זִיא זָאל קַיין קִינְדֶער נִיט הָאבֶּען אוּנ הָאט גִיהַאט גְרוֹס עֲשִׁירוּת.

וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵירָה.